STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04105

IDN IN AMERIKE

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. באַרדין

אידן אין אמעריקע

ארבעטער און קליינבירגער. — אידישע קולטור. — אינטעגראַציע און אַסימילאַציע. — מדינת ישראל. — אידישע אייניגקייט.

באַריכט צום „מאָרגן פרייהייט״ צוזאַמענפאַר, 30טן און 31טן יאַנואַר, 1960, אין פּראַטווירנאַל קלאַבהאַוז, ניו יאָרק.

ארויסגעגעבן פון דער
„מאָרגן פרייהייט״
ניו יאָרק, 1960

פרייז 15 סענט

אידן און אמעריקע

דער איצטיגער מאָמענט

מיר קומען זיך צונויף איצט, צום נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון דער „מאָרגן פרייהייט" ערב איר 38טן יובילײ, אין צייטן פון אויפברויז און אנטשיידונג, אין צייטן ווען מלחמה אָדער שלום באַדייטן — אָדער דער אונטערגאַנג פון דעם מענטשלעכן מין, אָדער דער אויפשטייג פונם מענטשן צו פאַנטאַסטישע הויכן.

מיר קומען זיך צונויף אין א צייט, ווען דער גייסט פון קעמפ דעיוויד, וואו פּרעזידענט אייזענהאַוער און פּרעמיער כרושטשעוו האָבן אָפּגעהאַלטן זייערע היסטאָרישע באַראַטונגען, דעם פאַרגאַנגענעם סעפּטעמבער, האָט גע־האָלפן שאַפן א נייעם קלימאַט אין לאַנד. זאַכן, וואָס זיינען פריער באַטראַכט געוואָרן ווי סובווערסיוו, זיינען איצט לעגיטים אין די „הויכע פענצטער". קאָ־עקזיסטענץ איז געוואָרן אַן אָנגענומענע איינשטעלונג ביי ברייטע שיכטן און א ריכט־שנור ביי געוויסע מלוכה־לייט. מיר געפינען זיך פאַר א הויפּטן־קאָנפערענץ — די ערשטע פון א ריי אַזעלכע צוזאַמענקונפטן, וואָס קאָנען מאַכן געשיכטע אין דער ריכטונג פון אָפּשאַפן די קאַלטע מלחמה און באַפעסטיגן דעם שלום. די דאָזיגע אַנטוויקלונג האָט אָבער אַריינגעוואָרפן אין פאַר־צווייפלונג די איניציאַטאָרן פון דער קאַלטער מלחמה, די אָנהענגער פון מע־קאַרטיזם און סובווערסיווע צעטלען, די פאַטערס פון דער טייוול־באָמבע און טשעמפּיאָנען פון באַוואָפענונג און אַטאָם־פּאָליטיק, די נאַצים און נעאָ־נאַצים אין מערב־דייטשלאַנד. זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען, פאַר די מיטלען פון מעקאַרטיזם — אַנטי־סאָוועטיזם און אַנטי־קאָמוניזם — כדי צו שטופּן די ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק.

מיר קומען זיך צונויף אין א צייט, ווען דאָס געשפּענסט פון דער פאַר־שאָלטענער סוואַסטיקאַ טראָגט זיך איבער מערב־דייטשלאַנד און פון דאָרט איבער דער אַזוי־גערופענער „פרייער וועלט", קלאַפּט אָן אין הײמען און סינאַגאָגעס, וואַרפט־אָום מצבות און שענדעט קברים אויף בית עלמינס. פופצן יאָר נאָכדעם, ווי ס'איז פאַרענדיגט געוואָרן די בלוטיגסטע פון אַלע מלחמות ווערט די וועלט, ווערט דאָס אידישע פאָלק, ווידער דערמאָנט אָן דער נאַכט פונם לאַנגן מעסער.

מיר קומען זיך צונויף אין א צייט, ווען די פאָדערונג פאַר אייניגקייט צווישן אידן פון אַלע ריכטונגען ווערט אַרויסגערוקט שאַרפער ווי ווען עס איז. — אייניגקייט אין קאַמף קעגן נאַציזם משחית, קעגן אַנטיסעמיטיזם בכלל, אייניגקייט אין קאַמף אָפּצושאַפן דעם איבל, דעם קוואַל אויך פאַר א סך אַנדערע איבלען — די קאַלטע מלחמה.

אַנטשיידנדיגע, גורל'דיגע פראַגן רוקט אַרויס דער איצטיגער מאָמענט — די פּרעזידענט־וואַלן פון היינטיגן יאָר, דער קאַמף קעגן אַטאָם־פּראָבעס, דער אָנגריף אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, די פאַרערגערטע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער, ספּעציעל די נאָדל־אַרבעטער, דער צושטאַנד פונם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד און פון דער אידישער קולטור, די פּאָליטישע איזאָלאַציע פון מדינת ישראל. די און פיל אַנדערע פּראָבלעמען, ברענענדיגע, לעבנס־וויכטיגע, רוקט־אַרויס דער מאָמענט. ווי אַזוי האָט די „מאָרגן פרייהייט" באַלויכטן די פּראָבלעמען ביז איצט? וואָס זיינען די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר איר היינט און מאָרגן? וואָס איז איר שטעלונג צו די אַלע פאַרשיידענע פּראָ־בלעמען? וואָס פאַר א פּראָגראַם האָט זי?

די לאַגע אין אַמעריקע

ס'איז קלאָר פאַר אַלע ערנסטע מענטשן, אַז אינעם איצטיגן מאָמענט איז ניטאָ קיין וויכטיגערע אויפגאַבע ווי דער קאַמף פאַר שלום. דער היסטאָרישער באַזוך פון פּרעמיער כרושטשעוו דאָ אין לאַנד, ווען מיליאָנען מענטשן זיינען געווען צוגעשמידט צו דער טעלעוויזיע־שויב און ווען די פעלקער פון דער וועלט האָבן נאָכגעפאָלגט דעם מאַרשרוט פון דעם סאָוועטישן שליח און זיינע באַגלייטער איבער אונזער גרויס לאַנד, האָט געשטעלט דעם קאַמף פאַר שלום אויף אַ העכערער מדרגה. די „מאָרגן פרייהייט" קאָן מיט שטאָלץ אָנווייזן, אַז זי — און נאָר זי צווישן אַלע אידישע און ענגליש־אידישע צייטונגען — האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך, לויט אירע כוחות, אָפּצושפּיגלען פאַר די אידישע מאַסן די דאָזיגע היסטאָרישע אַנטוויקלונג. אָבער כאָטש די פראַגע וועגן שלום קאָן איצט מער ווי ווען עס איז געשטעלט ווערן דירעקט פאַרן ברייטן פאָלק, איז אָבער קלאָר, אַז דער געראַנגל פאַר שלום מוז זיך אויסדריקן אין אַלערליי קאַמפּן, בנוגע אַלערליי פראַגן, אַרום וועלכע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען קאָנען מאָביליזירט ווערן.

אין דער ערשטער ריי דערשיינט די פראַגע פון דעם טאָג־טעגלעכן ברויט פון די מאַסן אין אַמעריקע, פון אַן אָנשטענדיגער וואוינונג, פון דעם גאַנצן לעבנס־סטאַנדאַרד, ווי ער ווערט באַווירקט פון דער קאַלטער מלחמה. דאָס איז נאָר־וואָס דעמאָנסטרירט געוואָרן פון דעם בודזשעט, וואָס פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט היינטיגן חודש אַריינגעטראָגן אין קאָנגרעס, דעם יאָר־בודזשעט אָנהויבנדיג פון 1טן יולי 1960. די אַלגעמיינע אויסגאַבע באַטרעפט די ריזיגע סומע פון קאַרגע 80 ביליאָן דאָלאַר. פון יעדן אויסגעגעבענעם דאָלאַר גייט 54 סענט דירעקט פאַר מיליטערישע צילן, 11 סענט אויף פּראָצענט פאַר'ן נאַציאָנאַלן חוב, וועלכער איז אויך אַ רעזולטאַט פון דעפיציטן צוליב מיליטערישע בודזשעטן, און 7 סענט אויף צאָלונגען פאַר וועטעראַנען פון פריערדיגע מלחמות. צוזאַמען — 72 סענט פון יעדן דאָלאַר.

דער נאַציאָנאַלער חוב איז אויסגעוואָקסן ביז דער אומגעהויערער, ממש־פאַנטאַסטישער סומע פון 285 ביליאָן דאָלאַר, אָבער אויך די שטאַטן באַזונדער זיינען פאַרשולדיגט, און אַזוי די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען. דאָס באַדייט נאָך און נאָך פּראָצענטן, וואָס קומען פון די אַרבעט־מענטשן — פאַר די פּראָצענט־ניקעס, די גרויסע בענק, די רייכע באָנד־קויפער. דאָס באַדייט אַן אַלץ גרעסערער יאָך פון שטייערן, העכערע אינפלאַציע, די פאַרביליגונג פונעם דאָלאַר, אַ וואַקסנדיגער יקרות. דער אומגליק פון דעם אַלעמען ליגט אין די ריזיגע מיליטערישע בודזשעטן, וועלכע זיינען די לעצטע יאָרן געוואָקסן, ניט געקוקט אויף רייד וועגן פרידן. בעת אין 1955 האָט דער מיליטערישער בודזשעט אויסגעמאַכט 39 ביליאָן מיט 100 מיליאָן דאָלאַר, האָט ער אין די ערשטע דריי־פערטל יאָר פון 1959 אויסגעמאַכט אַ יערלעכע הוצאה פון 46 ביליאָן. און דער ראָקפעלער־באַריכט האָט פאָרגעשלאָגן ווייטערדיגע העכערונגען פון 3 ביליאָן דאָלאַר יערלעך, בעת דער גייטער־באַריכט האָט פאָרגעשלאָגן אַ העכערונג צום יאָר 1965 ביז 65 ביליאָן דעם יאָר.

וואָס באַדייט באַוואָפענונג?

אַזוי ווייט צוריק ווי אין יאָר 1953 האָט פּרעזידענט אייזענהאַוער דערקלערט, אַז יעדער נייער האַרמאַט, קריגס־שיף, ראַקעט, שטעלט פאָר מיט זיך „אַ גנבה ביי די וואָס הונגערן", ביי די וואָס זיינען שלעכט אָנגעטאָן. און ער האָט אויסגערעכנט וויפיל נייע היימען און נייע שולן מען קאָן בויען פאַר די באַוואָפענונגען. ערשט פאַר'ן אָנקומען פון פּרעמיער כרושטשעוו'ן אין אַמעריקע האָט דער פּרעזידענט דערקלערט, אַז די באַוואָפענונגען ווערן אַלץ גרעסער און ווער ווייס צו וואָס דאָס קאָן פירן. אָבער די מיליטערישע בודזשעטן ווערן אַלץ גרעסער.

צו די ווערטער פונם פּרעזידענט וועגן דעם וואָס מען וואָלט אַלץ געקאָנט אויפטאָן מיט די געלטער וואָס מען וואַרפט אַרויס פאַר באַוואָפענונג, לאָמיר באַהעפטן די ווערטער פון פּרעמיער כרושטשעוו פאַר דער יו־ען דעם 18טן סעפּטעמבער, 1959. ער האָט אָנגעוויזן, אַז 100 מיליאָן מענטשן אויף דער וועלט געפינען זיך אין די אַרמייען, שטאַבן, אַמוניציע־פאַבריקן און אַזוי

ווייטער; אַז די מיליטערישע בודזשעטן פון אַלע לענדער באַטרעפן 100 ביליאָן דאָלאַר אַ יאָר; אַז מ׳וואָלט פאַר די סומען, וואָס ווערן פאַרשווענדט אויף די צוועקן, געקאָנט אויסבויען 150 מיליאָן נייע הייזער פאַר הונדערטער מיליאָנען מענטשן, אויסבויען שולן, אוניווערזיטעטן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

זאָלן די אַלע פאַקטן קלאָר מאַכן דעם גאַנצן פאַרברעכן, די גאַנצע אומ־מאָראַלישקייט און עקלהאַפטיגקייט פון באַוואָפענונג!

דאָ האַנדלט זיך, פאַרשטייט זיך, דער עיקר וועגן זיכערן די מענטשהייט פון אומקום, זיכערן זי פון רעאַקציע, אַנטיסעמיטיזם און בכלל ראַסיזם, זיכערן די קולטור, דעם אויפשטייג פון דער וויסנשאַפט, טעכניק, אַ. אַז. וו. דאָ האַנדלט זיך אָבער אויך וועגן דעם, וואָס דאָס באַדייט אין פשוט׳ן טאָג־טעגלעכן לעבן פון יעדן מענטשן, באַזונדער פונם אַרבעט־מענטשן, פונם פאָלקס־מענטשן, פונם קליינבירגער. אָפט זיינען טעגלעכע, „וואָכעדיגע״ פראַגן פאַר־שטענדלעכער ווי גרויסע פּראָבלעמען און אַרום די פראַגן דאַרפן זיך מאָבי־ליזירן די מאַסן.

רעשטלעך פון מעקאַרטיזם און אַנטי־לעיבאָר געזעצן

אָבער דאָ דאַרף מען זיך טאַסע אויף אַ ווײַלע כאָטש אָפּשטעלן אויף פראַגן פון רעאַקציע, ראַסיזם, פאַרפאָלגונגען — די פראַגן פון „סיוויל ראַיטס״, בירגער־רעכט. ס׳איז פאַרשטייט זיך קלאָר, אַז מיר זיינען שוין היפּש אָפּגע־גאַנגען פון דעם פעריאָד, ווען איבער אַמעריקע איז געווען אויסגעשפּרייט די מעקאַרטישע נאַכט פון שווייגן און שרעק. די נאָבלסטע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד, צווישן זיי דער גרויסער איד פון אונזער צייט אַלבערט איינשטיין, צוזאַמען מיט די בעסטע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער אינטע־ליגענץ, האָבן אָנגעפירט אַ העראָאישן קאַמף, מיט אַ סך קרבנות, ספּעציעל צווישן קאָמוניסטן, אַרבעטער־פירער און אינטעליגענץ, כדי פונם מעקאַרטיזם פּטור צו ווערן. דער דאָזיגער קאַמף, צוזאַמען מיט די אַנטוויקלונגען אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, האָט געהאָלפן געבן דעם מעקאַרטיזם שווערע קלעפּ.

ס׳איז געוואָרן ליכטיגער אין אַמעריקע. אָבער די אומאַמעריקאַנער קאָמיטע פון קאָנגרעס טוט נאָך איר שעדלעכע אַרבעט, ווי מיר האָבן עס געזען ניט לאַנג צוריק פון אירע פאַרזוכן אין קאַליפאָרניע און פּאָרטאָ ריקאָ. אויף די געזעץ־ביכער פון לאַנד געפינען זיך נאָך דער פאַשיסטישער סמיט־אַקט, דער מעקאַרען־אַקט, דער מעקאַרען־וואָלטער אַקט געגן פרעמד־געבאָרענע, דער טאַפט־האַרטלי אַקט און דער „אויסגעבעסערטער״ לענדראַם־גריפין־קענעדי אַקט געגן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ס׳איז ווערט צו דערמאָנען אַטוואָס. די אומאַמעריקאַנער קאָמיטע איז געשאַפן געוואָרן אין 1938, ווען געוויסע קאָנגרעסלייט האָבן געמיינט, — אָדער געגוצט דאָס ווי אַן אויסרייד — אַז מ׳וועט אויף אַזאַ אופן קאָנען פאַרפאָלגן די נאַצי־באַוועגונג. נאָך עטלעכע יאָר טעטיגקייט אונטער דער אָנפירונג פונם טרויעריג־באַרימטן מאַרטין דאַיעז, האָט דער פאַרשטאָרבענער קאָנגרעסמאַן סעמיועל דיקשטיין דערקלערט, אין 1941, פון דער טריבונע פון קאָנגרעס: „110 פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטן האָבן געהאַט און האָבן דעם שליסל צו דער הינטערטיר פון דער אומאַמעריקאַנער קאָמיטע״.

די ווערטער דאַרפן אָנגעווענדט ווערן צו די אַלע סענאַט, קאָנגרעס, סטעיט און אַנדערע קאָמיטעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מכשפה־יעגעריי. זיי זיינען געווען און פאַרבליבן אינסטרומענטן פון רעאַקציע, פון פאַשיסטישע, ראַסיסטישע עלעמענטן. בשעת פאַשיסטישע, אַנטיסעמיטישע און אַנטי־נע־גערשע גרופּירונגען און פערזאָנען ווערן ניט אָנגערירט, זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן ממש צענדליגער־טויזנטער פּראָגרעסיסטן און ליבעראַלן, זיינען איצט פאַרשפאַרט געוואָרן אין טורמע פּראָפעסאָר לאָיד באַרענבלאַט און דר. וויליאַם אָפּהאַוז, פאַר שטיצן זיך אויפן ערשטן אַמענדמענט און ניט וועלן אַרויסגעבן קיין נעמען פון אַנדערע מענטשן. דרייסיג אַנדערע ליבעראַלן, אַרבעטער־פירער זיינען אויסגעשטעלט צו דער זעלביגער געפאַר פון טורמע. פרעמד־געבאָרענע ווערן נאָך פאַרפאָלגט אונטערן מעקאַרען־וואָלטער אַקט. פּאָליטישע אַרעס־

טירטע, קרבנות פון סמיט־אקט — די קאָמוניסטישע פירער העגרי ווינסטאָן, גילבערט גרין און ראָבערט טאָמפּסאָן ווערן נאָך געהאַלטן אין טורמע. די אנטוויקלונגען אין משך פון דער נאַכט פון מעקאַרטיזם האָבן באַוויזן, לויטן ביישפּיל פון דייטשלאַנד, אַז ווען מען הויבט אָן פון קאָמוניסטן גייט מען איבער צו סאָציאַליסטן, ליבעראַלן, אַרבעטער־פירער און אינטעלעקטואַלן. ס'איז ניט קיין וואונדער וואָס אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי עלעאַנאָר רוזוועלט, נאָרמאַן טאָמאַס און אַנדערע זיינען איצט אַרויסגעקומען פאַר דער באַפרייאונג פון די קאָמוניסטישע פירער.

פאַרפאָלגונגען אויף נעגערס און אויף די יוניאָנס

איינער פון די הויפּט־צילן פון דער רעאַקציע איז — אונטערצוגראָבן די אַרבעטער־באַוועגונג, פּאַראַליזירן די יוניאָנס. די וואָרט־זאָגער פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל זאָגן אָפן, אַז דער לענדראַם־גריפין־קענעדי אַנטי־לעיבאָר געזעץ איז ערשט אַן אָנהויב. אַ ריי סטרייקס, צווישן זיי דער שטאָל־סטרייק זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף די אַרבעטער. מען רעדט אָפן וועגן פאַרבאָטן סטרייקס. אין סאַמע צענטער פון דעם אָנגריף אויף דער אַרבעטער באַוועגונג שטייט די פראַגע פון אויטאָמאַציע, נאָך מער אַרויסקריגן פון דעם אַרבעטער פּראָדוקציע דורך נאָך מער מעכאַניזאַציע, דורך נאָך מער פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע. די ברכה פון דער סאָציאַליסטישער וועלט — אויטאָמאַציע — דערשיינט ווי אַ קללה און באַדראָעט אַלץ מער צו פאַרגרעסערן די רייען פון די אַרבעטלאָזע. ניט געקוקט אויפן וואוקס פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע און האַנדל, מיט קאַרגע 66 מיליאָן באַשעפטיגטע, זיינען נאָענט פון פיר מיליאָן מענטשן אָן אַרבעט.

צוזאַמען מיט די פאַרפאָלגונגען אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, אויף קאָמוניסטן און אַנדערע, וואָס קעמפן פאַר פאַרבעסערונגען פאַר'ן פאָלק, פאַר די פרייהייטן פון לאַנד, גייען די פאַרפאָלגונגען אויף די 18 מיליאָן נעגערס, אויף די מיליאָנען פּאָרטאָ־ריקאַנער און מעקסיקאַנער דאָ אין לאַנד. אין מאַי וועט ווערן זעקס יאָר זינט דער אַנטשיידונג פון סופרים־קאָורט פאַר דעסעגרעגאַציע, אָבער די אַנטשיידונג ווערט נאָך אַלץ סאַבאָטאַזשירט, ווי דאָס איז אַזוי דראַמאַטיש דעמאָנסטרירט געוואָרן אין ליטל ראָק און אַנדערע ערטער. עס ווערן פאַרגעזעצט די דיסקרימינאַציעס און פאַרפאָלגונגען אויף די נעגערשע מאַסן און זייערע אָרגאַניזאַציעס. עס קומען פאָר לינטשערייען, ווי אין דעם פאַל מיט דער שוידערלעכער לינטשינג פון דעם נעגער מעק טשאַרלס פּאַרקער אין מיסיסיפּי.

אַנטיסעמיטיזם, די סוואַסטיקאַ - מגפה

זאָל דאָ נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז קאַמף פאַר נעגער־רעכט איז ניט בלויז אַ הומאַניסטישע אויפגאַבע. דאָס איז קאַמף פאַר אַמעריקע! ס'איז נאָך אַלץ גילטיג דער לאָזונג פון לינקאָלנ'ען, אַז אַמעריקע קאָן ניט זיין האַלב פריי און האַלב שקלאַף. די אַמעריקאַנער רעאַקציע איז קאָנצענטרירט אין דרום און אַנדערע ערטער וואו נעגערס ווערן פאַרפאָלגט. פרייהייט און פולע גלייכהייט פאַר נעגערס וועט באַדייטן אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער רעאַקציע! און נאָר ווען דער ראַסיזם בכלל, בנוגע נעגערס און אַנדערע, וועט אויסגעראָמט ווערן, וועט אויך אויסגעראָמט ווערן דער אַנטיסעמיטיזם.

די סלאָגאַנס פון די גרויסע שטעט פון אונזער לאַנד זיינען שאַנד־פלעקן, וואָס שרייען צום הימל וועגן די דיסקרימינאַציעס געגן די נעגער־מאַסן, פּאָרטאָ־ריקאַנער, מעקסיקאַנער און בכלל וועגן די אומגערעכטיגקייטן און אומגלייכהייטן פון אונזער געזעלשאַפט. און ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן ראַסיזם אין אַמעריקע דערשיינט דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט זיך לעצטנס געשטאַרקט.

די אידישע מאַסן זיינען אויפגערודערט. אין קיין פּאַניק טאָר מען ניט אַריינפאַלן. עס דאַרף הערשן דער באַוואוסטזיין, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך איינעם פון אַ ריי איבלען, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן ראַסיזם בכלל, מיט די פאַרפאָלגונגען סיי אויף מענטשן מיט טונקעלער הויט, און סיי אויף אימיגראַנטן. און אַלץ צוזאַמען איז פאַרבונדן מיט דער קאַלטער מלחמה. ס'איז

קלאָר — און דאָס מוז קלאָר געמאַכט ווערן פאַר די ברייטע מאַסן אַמעריקאַנער בכלל — אַז דער קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם איז ניט בלויז אַ אידישער קאַמף; אַז באַזיגט קאָן און וועט דער אַנטיסעמיטיזם ווערן אין בשותפות'דיגן קאַמף פון אידן צוזאַמען מיט דער אַרבעטער באַוועגונג און אַלע פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער, צוזאַמען מיט די נעגער־מאַסן. אָבער ס'איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די אידישע מאַסן זיינען אַזוי אויפגערודערט, און ניט נאָר צוליב דעם וואָס זיי ווערן דירעקט אַנגערירט פון דער סוואַסטיקאַ־מגפה. די געשפּענסטער פון נאַציזם עפענען אַלטע וואונדן, דערמאָנען אָן דעם אומקום פון אונזערע משפחות אין די געטאָס און שחיטה־לאַגערן, דערמאָנען אָן דער אויסראָטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק!

אַמעריקאַנער און אויסלענדישע פראַגן

ווי אַזוי האָט די „מאָרגן פרייהייט" געהאַנדלט בנוגע די פראַגן פון אַמעריקאַנער לעבן, פון דער אַרבעטער באַוועגונג, פון די ראַסיסטישע און אַנדערע פּראָבלעמען?

אַז די „מאָרגן פרייהייט" איז געווען וואַכזאַם צום קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, צום קאַמף פון די נעגער־מאַסן, פון די אימיגראַנטן, אָדער פרעמדגעבוירענע, וועט יעדער איינער זיך קאָנען איבערצייגן, ווען ער וועט ביי זיך אין געדאַנק דורכמישן דעם רעקאָרד פון דער צייטונג אין משך פון אַ קורצן פעריאָד אַפילו. דער אופן ווי אַזוי די „מאָרגן פרייהייט" האָט איצט אויפגענומען דעם אַרויסרוף פון די אַנטיסעמיטישע באַנדיטן, — שאַרף, ענערגיש, רופנדיג כסדר צו קאַמף און איינִיגקייט, איז ניט קיין אויסנאַם־דערשיינונג.

בלעטערט דורך אין זכרון די „מאָרגן פרייהייט", זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. וויפיל מאָל, הונדערטער און טויזנטער מאָל, האָבן מיר אָנגעוויזן אויפן נאַצישן מאָנסטער, וואָס האָדעוועט זיך אין מערב־דייטשלאַנד! וויפיל מאָל האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז דאָס האָט אַ ענגע שייכות מיט דער פּאָליטיק פון דער קאַלטער מלחמה, פון באַוואָפענען דייטשלאַנד, מיט'ן לאָזונג „וואָס געווען איז געווען"? גיט אַ טראַכט אַזוי לאַנג צוריק ווי האַרבסט 1948, ווען גענעראַל לושיוס קלעי האָט באַפרייט די „בעסטיע פון בוכענוואַלד", אילזע קאָך; גיט אַ טראַכט וועגן די אַלע געטאָ־פייערונגען, ווען מיר האָבן אַרויסגעהויבן דעם לאָזונג: „ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן"; גיט אַ טראַכט וועגן דער אידישער וועלט־קאָנפערענץ וועגן באַוואָפענען מערב־דייטשלאַנד, אין פּאַריז אין 1955, וואו מיר האָבן געהאַט אונזערן אַ ספּעציעלן פאַרשטייער, י. פריד; דערמאָנט זיך ווי מיר האָבן געדרוקט איין אויפדעקונג נאָך דער אַנדערער, וועגן גלאָבקע'ן, אָבערלאַנדער'ן, שרעדער'ן און די אַנדערע אַדענאַוער־מיניסטאָרן, וועגן אַדענאַוער־אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, גרעווע, און אַזוי ווייטער און ווייטער. מיר האָבן כסדר געוואָרנט און גערופן, כסדר געוועקט צו מעשים, צו ווידערשטאַנד.

מיר וואָלטן ניט געוואָלט, אַז די „מאָרגן פרייהייט" זאָל זיין די איינציגע אידישע צייטונג, וואָס זאָל האָבן דורכגעפירט איר חוב אויף דעם געביט, ווי אויף אַנדערע געביטן, איר חוב צום אידישן פאָלק, צו דער זאַך פון יושר און מענטשלעכקייט. ליידער זיינען מיר געווען און פאַרבליבן די איינציגע אין דער אידישער פּרעסע, אין דער ראָל פון וועקער און מאָנער און מאָביליזירער! צו אונזער שטאָלץ אָבער קאָנען מיר מיטן פולן מויל זאָגן: די „מאָרגן פרייהייט" האָט געטריי געדינט און ווייטער געטריי די אינטערעסן פון פאָלק!

האָט די „מאָרגן פרייהייט" בנוגע די אַנדערע אויסגערעכנטע פראַגן, אַמעריקאַנער פראַגן, פראַגן פון דער אַרבעטער באַוועגונג, אויף אַ צופרידנשטעלנדיגן אופן דורכגעפירט איר מיסיע ווי אַ אידישע אַרבעטער און פאָלקס־צייטונג?

דער צוגאַנג איז געווען אַ ריכטיגער, קאָן מען זאָגן, ווי ער איז אויבן בקיצור אויסגעדריקט געוואָרן. אָבער ס'איז דאָ, גלויב איך, אַ באַשטימטע באַרעכטיגונג אין די טענות, אַז אַמעריקאַנער פּראָבלעמען זיינען ניט גענוג טאָג־טעגלעך באַלויכטן געוואָרן.

געוויס זיינען געווען — און עס זיינען פאַראַן — אָביעקטיווע סיבות,

וואָס האָבן געשאַפן און שאַפן שוועריגקייטן. ניט נאָר מאַנגל אין אָרט און אין מיטאַרבעטער, רעפּאָרטערס, נאָר אַן איבערלאָדונג פון אויסלענדישע פראַגן — סאָוועטן־פאַרבאַנד, פוילן, כינע און די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, ישראל, די קאָלאָניאַלע לענדער, לאַטיין־אַמעריקע א. אז. וו. פיל פון די געביטן ווערן באַ׳עוולה׳ט, למשל — לאַטיין־אַמעריקע, קובאַ. מיר האָבן דאָ פאַר זיך באמת ברענענדיגע פראַגן וואָס פאָדערן די אויפמערקזאַמקייט פון די מיטאַרבעטער און אָרט אין דער צייטונג. אָבער ניט געקוקט דערויף דאַרף אינם חשבון הנפש צו דעם הייניגן צוזאַמענפאָר געזאָגט ווערן, אַז מיטלען מוזן אָנגענומען ווערן אַריינצוטראָגן אַ פאַרבעסערונג אויף דעם געביט פון באַלייכטן, מער באַלייכטן אַמעריקאַנער פראַגן.

אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע

די „מאָרגן פרייהייט" איז געגרינדעט געוואָרן פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע. מיט זיי צוזאַמען זיינען געוועזן אידישע פאָלקס־מענטשן, קליינבירגער, אָבער די אַרבעטערשאַפט איז די באַזע פון דער „מאָרגן פרייהייט" — ביז היינט צו טאָג.

זאָל דאָ אָפּגעוואָרפן ווערן די לעגענדע וועגן דעם „פאַרשווינדן" פון דעם אידישן אַרבעטער אין אַמעריקע. די לייענער און שטיצער פון דער „מאָרגן פרייהייט" אין ניו יאָרק, די הויפּט־באַזע פון דער צייטונג; די מיטגלידער פון די ניו יאָרקער פּראָגרעסיווע אידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווערן דורך איר באַדינט; די מיטגלידער פון די „מאָרגן פרייהייט" קאָמיטעטן, ווי פון דער נאַציאָנאַלער „מאָרגן פרייהייט" פאַרוואַלטונג, באַשטייען אין דער גרעסטער מערהייט, אָדער אינגאַנצן, פון אַרבעטער.

אין דער פרויען־קליידער יוניאָן, „אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס", רעכענען זיך אַרום 60 טויזנט אידישע אַרבעטער אין ניו יאָרק. אין דער מענער־קליידער יוניאָן — אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָרקערס — אַרום 25 טויזנט. אין אַנדערע נאָדל־פאַך יוניאָנס זיינען פאַראַן גרויסע צאָלן אידישע אַרבעטער. ביי די פוטערוואַרג־אַרבעטער (פאָריערס) מאַכן זיי אויס אַ מערהייט. אויב אידישע אַרבעטער זיינען ניט אַזוי קאָנצענטרירט אין די נאָדל־פאַכן ווי אַמאָל, אָדער צווישן די בוי־אַרבעטער — מאַליאַרעס (פּעינטערס) און סטאָליאַרעס (קאַרפּענטערס), וואו זיי זיינען נאָך אויך פאַראַן אין באַדייטנדיגע צאָלן, קאָן מען זיי אָבער געפינען אין גאַנץ גרויסע צאָלן צווישן עראָפּלאַן־אַרבעטער, אויטאָ־אַרבעטער, האַפן־אַרבעטער, ראַדיאָ און עלעקטראָניקס, אויך שיף־בוי און אַנדערע פאַכן, וואו אידישע אַרבעטער זיינען אַמאָל ניט געווען. דער „טימסטער" לאָקאַל 138 אין ניו יאָרק האָט אַרום 2 טויזנט אידישע מיטגלידער („טימסטערס" זיינען טרייבער און אַרבעטער ביי די גרויסע לאַסט־אויטאָס, וואָס לאָדעווען סחורה, אויך ביים האַפן). אָפּגערעדט שוין פון טעקסי־טרייבער, פון אַרבעטער אין די סקלאַדן („ווערהאַוזעס") און אוודאי שוין אָפּגערעדט פון אָנגעשטעלטע בכלל, האַנדל־ און אָפּיס־אָנגעשטעלטע. עס ווערט אָנגעגעבן, אַז אַ העלפט פון אַלע אָרגאַניזירטע האַנדלס אָנגעשטעלטע אין ניו יאָרק זיינען אידן; 35 פּראָצענט פון די אָנגעשטעלטע פון די שיך און קליידער געשעפטן אין באָסטאָן, 25 פּראָצענט אין שיקאַגאָ, א. אז. וו.

די הונדערטער טויזנטער, וואָס אַרבעטן פאַר לוין און געהאַלט, צוזאַמען מיט פּריוואַטע בעל־מלאכות, מאַכן אויס, צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס, אַ מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע. רעכנט מען צו קליין־קרעמער און הענדלער, וואָס האָרעווען אויף זייער חיונה, האָבן מיר אַן איבערוועגנדיגע מערהייט אידן אין אַמעריקע — אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס. די פאַקטן דאַרף מען אונטערשטרייכן צוליב אַ סך טעמים.

דאָס הייסט ניט, אַז אין דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע איז ניט פאָרגעקומען אַ סאָציאַלע איבערשיכטונג, אין פאַרגלייך מיט דער לאַנגע מיט יאָרן צוריק. דאָס הייסט ניט, אַז די צאָל קליינבירגער, און אַפילו „גרויס־בירגער", עלעמענטן פון גרויס־קאַפּיטאַל, איז ניט פאַרגרעסערט געוואָרן. אין אַ געוויסן זין האָבן מיר דאָ עטוואָס פון דעם פּראָצעס אין אַמעריקע בכלל, וואו דער עלעמענט פון באַדינונג („סוירוויסעס") וואַקסט אויפן חשבון פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. ביי אידן, וועלכע זיינען — צוליב היסטאָרישע סיבות — קאָנצענטרירט אין די גרעסערע שטעט, איז דער פּראָצעס אַ שטאַר־

קעֶרער. דאָ שפּילט אויך אַ ראָל די טראַדיציאָנעלע פאָרם פון באַשעפטיגונג ביי אידן, אויך צוליב אַמאָליגע דיסקרימינאַציעס, ווי עס שפּילן אויך אַ ראָל היינטיגע דיסקרימינאַציעס.

מיר האָבן דאָ מאָמענטן פאַר אַ גרעסערער שטודיע אין דער פראַגע, וועלכע איז שוין לאַנג נויטיג. אָבער קלאָר איז, אַז עס זיינען פאַראַן גרויסע מאַסן אידישע לוין־באַשעפטיגטע אין אַמעריקע.

די מערהייט זייערע לעבט זיך אויס אויף ענגליש. דאָ איז באמת פאָרגעקומען אַ שאַרפע טראַנספאָרמאַציע, ווי מיר וועלן ווייטער זען. אָבער עס זיינען נאָך פאַראַן גרויסע מאַסן אידיש־רעדנדיגע און אידיש־לייענענדיגע אַרבעטער.

לאַגע פון נאָדל - אַרבעטער אַ שווערע

דער צענזוס פון 1940 האָט אָנגעגעבן קאַרגע 2 מיליאָן אידן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן דערקלערט אידיש ווי זייער מוטער־שפּראַך. (דער צענזוס אין 1950 האָט ניט געהאַט אַזאַ רובריק). איצט, אין 1960, איז די צאָל געוויס אַ סך, זייער אַ סך, אַ פאַרקלענערטע. אָבער ווי גרויס זי זאָל איצט ניט זיין, מאַכן אָן ספק אויס די אידישע אַרבעטער, באַזונדער אין די נאָדל־פאַכן, גאָר אַ גרויסע פּראָפּאָרציע צווישן די אידיש־רעדנדיגע. אידיש ווערט דער עיקר גענוצט פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן.

דער דאָזיגער פאַקט ליגט אַרויף אויף דער „מאָרגן פרייהייט” נאָך אַ גרעסערן חוב צו אָריענטירן זיך אויף די אידישע אַרבעטער, צו קעמפן פאַר זייערע אינטערעסן. באַזונדער נאָך ווען די לאַגע פון די אידישע אַרבעטער, ספּעציעל אין די נאָדל־פאַכן, האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט די לעצטע צייטן. די דאָזיגע אַרבעטער, וועלכע האָבן אַריינגעשריבן העראָאישע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד, און האָבן מיט יאָרן צוריק זיך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען, געוויזן אַ מוסטער פאַר אַנדערע אין פּרט פון לוין און אַרבעט־שעה'ן, געפינען זיך איצט אויף איינעם פון די נידעריגסטע שטאַפּלען בנוגע זייערע פאַרדינסטן. דער שטאַט ניו יאָרק, ווי באַוואוסט, געפינט זיך אויפן אכצנטן אָרט צווישן אַלע שטאַטן אין לאַנד אויפן געביט פון אַרבעט־לוין. איינע פון די סיבות דערפון איז דער זייער נידעריגער מצב, אין וועלכן די נאָדל־אַרבעטער געפינען זיך. און בשעת די עקאָנאָמישע לאַגע זייערע — צוזאַמען, פאַרשטייט זיך, מיט דער לאַגע פון די ניט־אידישע אַרבעטער אין די פאַכן—ווערט אַלץ ערגער, ווערן די מיטגלידער אין די יוניאָנס פון די פאַכן אין אַ גרויסער מאָס באַרויבט פון זייערע דעמאָקראַטישע רעכט.

די „מאָרגן פרייהייט” איז מיט עטלעכע חדשים צוריק קריטיקירט געוואָרן אויף אַ צוזאַמענקונפט פון טרעיד יוניאָן טוער, אַז זי שפּיגלט ניט אָפּ גענוג די פּראָבלעמען פון די אידישע אַרבעטער, פון דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל, ברענגט ניט אַרויס גענוג די איבלען פון וועלכע די אַרבעטער ליידן. דער צוזאַמענקונפט איז פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיווע פון דער רעדאַקציע. אויך אַנדערע באַראַטונגען מיט טרעיד יוניאָן טוער, אַרבעטער אין די שעפּער זיינען פאָרגעקומען. ווי אַ רעזולטאַט דערפון זיינען אָנגענומען געוואָרן געוויסע מיטלען, אַז די פּראָבלעמען פון די אַרבעטער זאָלן מער אָפּגעשפּיגלט ווערן אין דער צייטונג. איין מיטל איז -- די זונטאָגדיגע טרעיד יוניאָן זייט פאַר אַרבעטער־פּראָבלעמען, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן היינטיגן יאָר. אָבער דאָס איז נאָר איין מיטל. עס האַנדלט זיך וועגן טאָג־טעגלעך באַלויכטן אַרבעטער פּראָבלעמען. דאָס איז אויך געטאָן געוואָרן ביז איצט, דורך באַריכטן פון יוניאָן־מיטינגען, דורך קאָלומס, אַרטיקלען ווי דורך בייטראַגן פון אַקטיווע טוער, שאַפּ־אַרבעטער. אויף די באַראַטונגען איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ פּלאַן, ווי אַזוי מער צו אַקטיוויזירן די טרעיד יוניאָן טוער אויף דעם געביט. די לעצטע צייט האָבן זיך טאַקע אַ ריי טוער אַזעלכע מער אָנגעזען אין דער צייטונג. ס'איז אונזער אַלעמענ'ס האָפענונג, אַז נאָך אַנדערע טרעיד־יוניאָן טוער, שאַפּ־אַרבעטער וועלן נעמען אַ ביישפּיל פון זיי, און אַז צענדליגער זייערע, פון די פאַרשיידענע פאַכן, וועלן כסדר זיין אין קאָנטאַקט מיט דער צייטונג, אַליין שרייבן וועגן די פּראָבלעמען פון שאַפּ און יוניאָן,

אָנווייזן אויף פּראָבלעמען. מיט זייער הילף און מיט דער וואַכזאַמקייט פון דער רעדאַקציע, פונם לעיבאָר־דעפּאַרטמענט, וועט מעגלעך זיין פאַר דער „מאָרגן פרייהייט" ווי געהעריג צו דערפילן איינע פון די וויכטיגסטע, פונדאַמענטאַלסטע אויפגאַבן וואָס שטייען פאַר איר.

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די טרעיד יוניאָן קאָמיטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי דער „מאָרגן פרייהייט" פאַרוואַלטונג אין ניו יאָרק, לויטן באַשלוס פון דעם צוזאַמענפאָר מיט דריי יאָר צוריק, האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָל, צוזאַמען מיט דער טרעיד־פאַרוואַלטונג גופא, וואָס באַשטייט דורכאויס פון אַרבעטער.

לאַגע פון קליינבירגער, פאַרמער

עס זיינען נאָך פאַרבליבן פראַגן בנוגע געוויסע פאַכן, וואָס פאָדערן מער קלאָרקייט — און ניט נאָר מצד דער „מאָרגן פרייהייט". עס איז נאָך דאָ פיל צו טאָן, בעסער צו אָריענטירן זיך, זיין מער מיליטאַנט, קאָנסטרוקטיוו מיליטאַנט, איבערצייגנדיג מיליטאַנט. מיר זיינען געגן קריטיק לשם קריטיק. מיר זיינען געגן סתם אַרונטעררייסן. פּאָזיטיווע האַנדלונגען דאַרפן אָנערקענט ווערן, פון וועמען זיי זאָלן ניט קומען. די „מאָרגן פרייהייט" דאַרף אָבער קלאָר און געוואַגט אויסדריקן די קריוודעס פון די אַרבעטער — אַלע אַרבעטער, רעכטע און לינקע. אָנהאַלטנדיג אַ געהעריגן באַלאַנס, דאַרף זי, פּאַראַנטוואָרטלעך און קאָנסטרוקטיוו, אויפדעקן די פּאָליטיק פון די וואָס שעדיגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער. **עס דאַרף זיין אַזאַ צוזאַגנג, אַז אויך רעכטע אַרבעטער זאָלן פילן, אַז די „מאָרגן פרייהייט" פאַרטיידיגט זייערע לעבנס-אינטערעסן.**

דאָ מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די אַרבעטער־פּראָבלעמען אין די פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד ווערן ווייניג אָדער אינגאַנצן ניט אָפּגעשפּיגלט. דאָ האָבן מיר באמת אַ דורכרייס, וואָס אונזערע פאָרשטייער און „מאָרגן פרייהייט" קאָמיטעטן און מיטאַרבעטער אין שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, דעטראָיט, קליוולאַנד און אַנדערע צענטערן וועלן דאַרפן דרינגענדיג נעמען אין אכט.

ווען מיר רעדן וועגן אידישע אַרבעטער הייסט דאָס ניט, פאַרשטייט זיך, אַז מיר דאַרפן ניט אינזינען האָבן, שטאַרק אינזינען האָבן, די לאַגע פונם קליינבירגער. דער קליינבירגער בכלל דאַרף קריגן אויפמערקזאַמקייט. זיינע אינטערעסן זיינען פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן אין קאַמף פאַר יושר און דעמאָקראַטיע. בנוגע דעם אידישן קליינבירגער איז דאָס באַזונדער ריכטיג. ער איז אָפט אַליין אַ געוועזענער אַרבעטער, מיט טראַדיציעס פון קאַמף. דער אידישער קליינבירגער, מער נאָך ווי דער אַלגעמיינער, ווייסט וואָס רעאַקציע איז, וואָס פאַשיזם איז. און אוודאי ווייסט ער וואָס אַנטיסעמיטיזם איז. די פּראָבלעמען פון דעם קליינבירגער, ווי פון די אידישע מאַסן בכלל, מוזן האָבן אַן אָרט אין דער צייטונג. דאָס איז אין די אינטערעסן אויך פון די אַרבעטער, ווי אין די אינטערעסן פון פאָלק בכלל. און קלאָר איז, אַז די לאַגע פונם אידישן פאַרמער דאַרף אָפּגעשפּיגלט ווערן — ווי אַ טייל פון דער פאַרם־פּראָבלעם בכלל און ווי אַ ספּעציעלע דערשיינונג.

פאַר אַ געזונט אידיש לעבן

די „מאָרגן פרייהייט" איז אַן אַמעריקאַנער אידישע אַרבעטער און פאָלקס־צייטונג. זי שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם וואָס מען רופט: דאָ'איגקייט. דאָ, אין אונזער היים, שטייען מיר אין קאַמף פאַר די פרייהייטן און פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אונזער לאַנד, פאַר דער קאָנסטיטוציע און די צוגאָבן (אַמענדמענטס), פאַרקערפּערט אין דעם צעטל פון רעכט, „ביל אָוו ראַיטס". צו די דאָזיגע אַלגעמיינע אַמעריקאַנער פרייהייט־טראַדיציעס באַהעפטן מיר אונזערע אייגענע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס, דערוואָרבענע אין משך פון העכער 300 יאָר אידיש לעבן דאָ אין לאַנד, אָנגעהויבן פונם סאַמע געבורט פונם אַמעריקאַנער ישוב, אין 1654, און דעם געבורט פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, דערוואָרבענע אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון 1776, אינם בירגער־קריג, אין קאַמף פאַר'ן אַכט־שעה'דיגן אַרבעטס־טאָג, פאַר יוניאָנס, אין די קאַמפן געגן רעאַקציע און פאַר אַלץ וואָס איז לטובת אונזער לאַנד אַמעריקע און איר באַפעלקערונג.

אָט־דאָ, אין דער היים, זוכן מיר צו בויען אַ געזונט אידיש לעבן. מיר זיינען ניט די איינציגע אויף דעם געביט. דער פאַקט איז, אַז אויך דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט זיך — ניט נאָר פאַקטיש, נאָר אויך שוין פּראָגראַמאַטיש — אָנגעהויבן אָריענטירן אַזוי: אַמעריקע איז די היים פון די אַמעריקאַנער אידן. אָפּגערעדט שוין פון פאַרשיידענע כאַציאַליסטישע, אָדער אַזוי גערופענע רעכטע גרופּירונגען, פאָלקיסטישע און אַנדערע. מיר האָבן אָבער אונזער אייגן אָרט אינם אידישן לעבן, אונזער אייגענעם צוגאַנג, ווי אַזוי אָנצופילן דאָס דאָזיגע לעבן מיט אינהאַלט.

וואָס באַדייט עס? דאָס באַדייט קודם לעבעדיג האַלטן די פּראָגרעסיווע אידישע טראַדיציעס, אין איינקלאַנג מיטן גאַנג פון דער צייט. דאָס באַדייט אינזינען האָבן די ספּעציעלע ראָל פונם אידישן אַרבעטער, זיין אָרט אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, אינם פעריאָד פון „שטורעם און דראַנג" אינם סוף פון פאָריגן און אָנהויב פון היינטיגן יאָרהונדערט. דאָס באַדייט לעבעדיג האַלטן די דיכטער־קלאַסיקער פון דעם דאָזיגן קאַמף פעריאָד — ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָווישאָווער, מאָריס ראָזענפעלד, לעבעדיג האַלטן די אידישע ליטעראַטור און קולטור אויך פון די ווייטערדיגע פעריאָדן, פאַרקערפּערט דורך קאָברין און ליבין, יעקב גאָרדין און יהואש, פּינסקי און הירשביין, אָלגין און זשיטלאָווסקי, מרמר און ראַבאָי — און די היינטצייטיגע שאַפער פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור. דאָס באַדייט אַרויסהויבן אונזערע קלאַסיקער פון יענער זייט ים, דאָס בעסטע פון דער אידישער ליטעראַטור און קולטור בכלל. דאָס באַדייט אינזינען האָבן די סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד, אָריענטירן זיך אויף דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג און די פאָרגעשריטענע עלעמענטן צווישן אַמעריקאַנער בכלל, באַזונדער די נעגער־מאַסן, אין קאַמף פאַר רעכט. דאָס באַדייט אינזינען האָבן דעם אָנזאָג פון די וואַרשעווער און אַנדערע געטאָ־קעמפער און האַלטן לעבעדיג דעם גייסט פון די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע קעמפער בשעת דעם געבורט פון מדינת ישראל. די און נאָך אַנדערע שטריכן פורעמען אויס אונזער אייגענעם צוגאַנג — אַ צוגאַנג פון וועלטלעך־פּראָגרעסיווע אידן, מיט'ן טראָפ אויףביידע זאַכן: וועלטלעכקייט, אָדער סעקולאַריזם, און פּראָגרעס.

מיר זיינען געגן דעם קאָנפאָרמיזם, וואָס מען זוכט אַרויפצוצווינגען אויפן אידישן לעבן, — און ניט נאָר אויפן אידישן. מיר פירן ניט קיין קאַמף געגן רעליגיע. מיר האַלטן, אַז מען דאַרף מיטאַרבעטן מיט רעליגיעזע מענטשן אין קאַמף פאַר שלום און ציווילע רעכט, געגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם בכלל, און בנוגע אַנדערע ענינים לטובת דעם פאָלק. מיר זיינען אָבער געגן דעם, אַז אויף ניט־רעליגיעזע, וועלכע מאַכן אַגב אויס אַ מערהייט צווישן די אידן אין אַמעריקע, זאָל אַרויפגעצוואונגען ווערן אַ מין רעליגיעזער צודעק, וואָס שטימט ניט מיט זייערע געפילן און איבערצייגונגען. דאָס איז ניט נאָר אַ פאַרלעצונג פון דעמאָקראַטיע און פון די אמת'ע שטימונגען און שטרעבונגען פון די אַמעריקאַנער אידן. וויכטיגער אפשר איז דאָס, וואָס עס קאָן אויף אַזאַ שטייגער ניט געבויט ווערן קיין געזונט אידיש לעבן מיט אַ אינהאַלט, וואָס זאָל האַרמאָנירן מיטן גייסט פון דער צייט. ניט אומזיסט קלאָגן זיך אויך ציוניסטישע און רעליגיעזע פירער, אַז אידיש לעבן אין אַמעריקע האָט בלויז אַ „פאַסאַד", אַ פראָנט־וואַנט, פאָרגעשטעלט דורך אַלערליי געביידעס, אָבער אָן אינערלעכן עצם.

עס וועט זיין געזינטער, ניין — עס איז אָבליגאַטאָריש, אַז דאָס אידישע לעבן זאָל גיין לויט די ליניעס פון פּלוראַליזם — אָט לויט דער טעאָריע, לויט וועלכער פאַרשיידענע קולטורן גייען אריין אינם אוצר פון דער אַמעריקאַנער קולטור. ניט איין פאָרם פון אידיש לעבן, ניט קאָנפאָרמיזם, און אוודאי ניט אַרויפגעצוואונגענער קאָנפאָרמיזם, נאָר פאַרשיידנאַרטיגקייט. זאָל יעדער טייל געבן זיין צושטייער. מיר האַלטן, ווי נאָר־וואָס אָנגעוויזן, אַז מיר האָבן אונזער אייגנס ביישטייערן. ניין — מיר האַלטן, אַז דאָס וואָס מיר האָבן ביישטייערן איז אַ פאָלקס־זאַך; אַז האַלטנדיג לעבעדיג די אויבן־אויסגערעכנטע טראַדיציעס, טוען מיר אַ פאָלקס־אַרבעט.

מיר הויבן ארויס די אידישע קולטור אויף אידיש. מיר געדענקען „וויפיל אין די אותיות ליגן טרערן און וויפיל געוויין", געוויין פון דורות. מיר געדענקען אויך וויפיל אין די אותיות ליגט קאמף. פון ווינטשעווסקי'ס „אין די גאסן מיט די מאסן" ביז פרץ'עס „יום טוב בלעטלעך", ביז אלגינ'ס רעוואָלוציאָנערע מאניפעסטן, ביז „זאָג ניט קיינמאָל" — האָט אידיש, דער לשון פון די מאסן, וואָס איז אלעמאָל געווען פאראכט ביי דער בורזשואזיע, פארקערפערט אין זיך העראאיזם, מסירת־נפש, פראָגרעס.

די אידישע קולטור אין אמעריקע איז געבאָרן געוואָרן צוזאמען מיט דער באוועגונג פאר אן 8־שעה'איגן ארבעטס־טאָג, אין די אכציגער יאָרן, צוזאמען מיטן קאמף געגן סוועט־שאפ. זי האָט זיך איבערגערופן מיט דער אידישער ליטעראטור אין אלטן רוסלאנד, וועלכע איז אויפגעשטיגן אויף די בירזשעס און סכאָדקעס, בעת די „בונטן מיט סטאטשקעס", וואו עס זיינען אויך געזונגען געוואָרן די לידער פון ווינטשעווסקי און עדעלשטאט. די אידישע קולטור איז אנגעהויבן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע פון 1905 און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די איינפלוסן פון די רעוואָלוציעס האָבן מיטגעהאָלפן שאפן אין אמעריקע א גאנצע פלעיאדע אמעריקאנער־אידישע רעוואָלוציאָנערע, פראָגרעסיווע שרייבער. און זיי האָבן זיך איבערגערופן מיט די סאָוועטיש־אידישע שרייבער, וועמעס שאפונגען עס זיינען געווען און פארבליבן דאָס אייגנס פון די אידישע מאסן דאָ אין לאנד.

די „מאָרגן פרייהייט" גופא איז א פארקערפערונג פון די פראָגרעסיווע טראדיציעס פון אידיש. ווינטשעווסקי און אלגין האָבן זיך געפונען בראש פון די מחנות, וואָס האָבן זי געגרינדעט. זייערע נעמען טראָגט זי הויך שוין באלד 38 יאָר.

מיר מאכן ניט קיין חשבונות ווי לאנג אידיש וועט לעבן. מיר האלטן פאר שעדלעך די ספעקולאציעס וועגן דעם אונטערגאנג פון אידיש. עס זיינען שוין געווען אזעלכע ספעקולאציעס מיט העכער פופציג יאָר צוריק אין אמעריקע, בשעת איזראעל זאנגוויל איז ארויסגעקומען מיט זיין דראמע וועגן דעם אזוי־גערופענעם שמעלץ־טאָפ, „דהי מעלטינג פאָט". פארשיידענע פאָליטיקער האָבן די טעאָריע ארויסגערוקט. קארל קאוטסקי האָט זי עטוואָס שפעטער אנטוויקלט אין זיין בוך „זיינען די אידן א ראסע" און האָט „פאראויסגעזאָגט" אָט־אָט די אסימילאציע פון די אידן. צווישן אידן אין אמעריקע האָבן וואולגארע סאָציאל־דעמאָקראטן, ווי אב. קאהאן (רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס") די טעאָריע ארויסגערוקט. צו יענער צייט, אין 1910, האָבן אין דעם אלגעמיינעם צענזוס אין אמעריקע א מיליאָן מיט 50 טויזנט אידן אנגעגעבן אידיש ווי זייער מוטער־שפראך. אין 1920 איז די צאָל געווען א מיליאָן מיט 92 טויזנט. אין 1930 — א מיליאָן מיט 223 טויזנט. אין 1940 — א מיליאָן מיט 751 טויזנט. נאָך 1910 און 1920 איז ערשט פאָרגעקומען אין אמעריקע, ווי אין אנדערע לענדער, א מערקווירדיגער אויפבלוי פון דער אידישער ליטעראטור, פרעסע, טעאטער. (דער צענזוס פון 1950 האָט ניט געהאט קיין רובריק וועגן מוטער־שפראכן פון די פארשיידענע נאציאָנאליטעטן אין לאנד).

דער וואוקס אין די ציפערן צווישן 1930 און 1940 איז באדייטונגספול. די אימיגראציע קיין אמעריקע איז שוין געווען אפגעשטעלט זינט 1924 און דאָך האָט דער צענזוס פון 1940 פארצייכנט מיט העכער א האלבן מיליאָן מער ווי אין 1930 — ס'הייסט, אידן וואָס האָבן אנגעגעבן אידיש ווי זייער מוטער־שפראך. מען מעג רעכענען, אז דאָס אויפקום פון נאציזם און דער קאמף געגן נאציזם אין די דרייסיגער יאָרן האָט געשטארקט די צוגעבונדנקייט צו אידיש.

„פאראויסזאָגונגען" און „גאראנטיעס" וועגן אידיש...

דערפון קאָן מען עפּעס לערנען פאר דער היינטיגער צייט. ס'איז קלאָר, אז די פּראָפּאָרציע פון אידיש־רעדנדיגע האָט זיך **שטארק** פארקלענערט. מיר וועלן שפּעטער אנגעבן ווי עס האלט דאָ אין אמעריקע. מיר וועלן אויך זען, אז **דאָס אינטעגרירן זיך אין ענגליש באדייט ניט אסימילאציע.** עס וועט זיין ריכטיג צו זאָגן, אז צווישן ענגליש־רעדנדיגע אין אמעריקע איז דאָ מער

בורזשואזער נאַציאָנאַליזם, אײנפלוס פונם ציוניזם, ווי צווישן אידיש־רעדנ־דיגע. אויך אין אײראָפּע איז פאָרגעקומען און, עס קומט פאָר דער פראָצעס פון אינטעגראַציע אין די לאַנד־שפּראַכן. און דער נאַציזם האָט מיט זײנע שחיטות שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל אידיש־רעדנ־דיגע. און דאָך זעט מען דאָרטן ריזיגע מאַסן צו אידישע קאָנצערטן, פאָר־שטעלונגען. מיר האָבן איצט, נאָך די נאַצישע שחיטות, עפּעס פון דעם, וואָס האָט סטימולירט אידיש דאָ אין די דרײסיגער יאָרן. עס איז דאָ דער „זאָג ניט קײנמאָל", וואָס גײט ווי אַ פּאַראָל... און מיר זעען; אַז בײ געוויסע עלעמענטן צווישן דער יוגנט אין אַמעריקע האָט זיך אױפגעוועקט אַ אינטערעס צו אידיש, ווי די אידיש־קלובן אין פיל האַי־סקולס אין ניו יאָרק באַווײזן עס, ווי אויך די קאַטעדרעס פאַר אידיש אין אַ רײ אוניווערזיטעטן (קאָלאָמביאַ, ניו יאָרק יוניווערסיטי, בראַנדײס און אַנדערע).

מיר זײנען ניט פאַר אידיש לשם אידיש — מיר זײנען פאַרן פּראָגרעסיוון אינהאַלט. מיר זײנען אַלע מאָל געווען און זײנען פאַרבליבן געגנער פון דער נאַציאָנאַליסטישער אײנשטעלונג: נאַציאָנאַל־קולטורעלע־אויטאָנאָמיע. מיר האָבן דער עיקר אינזינען די אױפגאַבע צו באַפרידיגן די נויטן און באַדערפע־נישן פון די מאַסן, וואָס לעבן זיך אוים אויף אידיש, אָדער פאַר וועמען אידיש דריקט בעסער אוים פּראָגרעסיווע אידישע טראַדיציעס, אויב אַפילו זײער שפּראַך איז ענגליש. מיר זײנען פאַר פּראָגרעסיווער קולטור און אונזער אָלגין האָט שוין אָנגעוויזן אין זײן עסײ „מיר און אידיש", געשריבן אין אַ דיסקוסיע וועגן אידיש אַזוי ווײט צוריק ווי אין 1928: אויב אונזער אינהאַלט וועט לעבן — וועט אונזער אַרבעט לעבן; מיר קלאָגן ניט אויף „אונטערגאַנג" און „לעצטקײט" — האָט ער דערקלערט, — מיר בויען די פּראָגרעסיווע אידי־שע קולטור!

מיר פאַרנעמען זיך ניט מיט „פּראַרויסזאָגונגען" און גיבן, פאַרשטײט זיך, ניט קײן „גאַראַנטיעס". מיר טוען אַ וויכטיגע פאָלקס־אַרבעט!

אויף וויפיל די „מאָרגן פרײהײט" גופא איז אַן אויסדרוק פון דער פּראָגרעסיווער אידישער קולטור, איז די פאַרשפּרײטונג אירע, דאָס אַבאָנירן זיך אויף איר, קויפן זי יעדן טאָג, אַן עפעקטיוו מיטל, בפועל ממש, צו העלפן בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור.

די קלובן, כאָרן, איקוף, קינדער־שולן

די „מאָרגן פרײהײט" שטײט פעסט אויפן באָדן פון אידישער קולטור בויאונג אויף אידיש. די אַרבעט פונם איקוף, פון די לײען־קרײזן, פון די פאָלקס־כאָרן און דעם גאַנצן מוזיק פאַרבאַנד, פון די פּראָגרעסיווע קינדער שולן איז אונז ליב און טײער. כמעט די אַלע אינסטיטוציעס זײנען געבויט געוואָרן מיט דער הילף פון דער „מאָרגן פרײהײט" און פירן אָן זײער טעטיג־קײט מיט איר הילף.

אין דעם מעקאַרטיש! פּאָגראָם, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אײנער פון די פּרעכטיגסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס די אידישע מאַסן אין אַמעריקע האָבן געשאַפן, דעם אידישן פאָלקס־אָרדן און דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, האָט זיך געשאַפן אַ מאָמענט פון שאַרפן קריזיס פאַר די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן. ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע: ניט שוין זשע וועלן די אידן אין אַמעריקע בלײבן אָן אַ פּראָגרעסיווער מאַסן־באַזע? דעם ענטפער אויף דעם האָבן געגעבן די אויסגעפּרואַווטע קאַדרען פּראָגרעסיווע אידישע טוער, פאַרהאַרטעוועטע אין פאַרשײדענע קאַמפן. די קלובן וואָס זײנען געשאַפן געוואָרן נאָכ'ן פּאָגראָם אויפן אָרדן זײנען אַ פאָרזעצונג פון אַלדאָס פּאָזיטיווע וואָס אידישע אַרבעטער האָבן געשאַפן אויפן אַמעריקאַנער באָדן, — אין די יאָרן פון דער גרויסער אידישער אימיגראַציע אין אַמעריקע, אָנהײבנדיג מיט די אַכציגער יאָרן, באַזונדער נאָך 1905 און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. די געשיכטע פון די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד, ווען זי וועט זיך אָפּשטעלן אויף די פינצטערע פופציגער יאָרן, די מעקאַרטי־יאָרן, וועט זי ערשט אָפּשאַצן די גרויסע ראָל, וואָס די קלובן האָבן דורכגעפירט — און פירן דורך! די „מאָרגן פרײהײט" שטײט פעסט צום דינסט פון די קלובן און סאָסײעטיס און וועט טאָן אַלץ אין אירע כוחות, אַז איצט, בײם בעסערן

קלימאַט, זאָלן זיי פאַרצייכענען אַ נייעם באַדייטנדיגן וואוקס אין מיטגלי־דערשאַפט, ווי אין דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט.

פונקט אַזאַ פּאָזיטיווע באַציאונג האָט די „מאָרגן פרייהייט" צו די פּראָגרעסיווע אידישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, וועמעס ווייטערדיגע אַנטוויקלונג זי זוכט מיט אַלע מיטלען מיטצוהעלפן.

וועגן דער אידישער פּרעסע בכלל וועט אונז אויסקומען צו רעדן שפּעטער אָבער קולטור נעמט אַרום פיל געביטן: מאַלעריי, די גראַפישע קונסטן בכלל, דעם טעאַטער. צוליב אַ ריי סיבות ווערן די פאָרמען פון קולטור לײדער ניט גענוג אָפּגעשפּיגלט אין דער „מאָרגן פרייהייט". דאָס אידישע טעאַטער אין אַמעריקע דאַרף פאַרנעמען מער אָרט. ניט גענוג ווערט געקעמפט פאַר דער אויפלעבונג פונם טעאַטער־אַנסאַמבל, פאַר אַנטוויקלען קליינקונסט־גרופּן. דאָס איז ספּעציעל נויטיג אין אָנגעזיכט פון דעם טראַר פון איסט בראָדוועי, וואָס שרעקט אָפּ געוויסע אידישע קינסטלער, אַקטיאָרן און זינגער פון אויפטרעטן פאַר פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. עס וואָלט שוין אַגב צייט געווען, אַז די קינסטלער גופא זאָלן אָפּטרייסלען פון זיך די שרעק און העלפן מאַכן אַ סוף צו מעקאַרטיזם אויף דער אידישער גאַס.

אידיש און ענגליש

בשעת מיר שטעלן דעם טראָפּ אויף אידישער קולטור־אַרבעט אויף אידיש, טאָרן מיר ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ווירק־לעכקייט.

מיר זיינען געגן געטאָ'איזם, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אידיש לעבן בכלל, און מיר קאָנען זיך אויך ניט איינשליסן אין אַ מין אידיש־געטאָ, אָפּגרעניצנדיג זיך פון די מאַסן אַרום אונז. אפילו ווען זיי וואָלטן ניט אויסגעמאַכט אַ מערהייט, וואָלטן מיר געדאַרפט אינזינען האָבן, אַז אידישע קולטור איז אין משך פון דורות געשאַפן געוואָרן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן. אין דער מאָדערנער צייט האָבן מיר געהאַט דעם היסטאָריקער גרעץ אויף דייטש, דעם היסטאָריקער דובנאָוו אויף רוסיש; מיר האָבן געהאַט איינשטיינ'ען און פויכטוואַנגער'ן, וואָס זייער לשון איז געווען דייטש. מיר האָבן אידישע קולטור אויף העברעאיש און אידישע קולטור אויף ענגליש, ווי אויף רוסיש, פראַנצויזיש, שפּאַניש. מיר מוזן האָבן צו זיי אַ פּאָזיטיווע באַציאונג, ווייל אַלץ צוזאַמען שטעלט פאָר מיט זיך דעם אוצר פון דער אידישער קולטור.

אָבער פאַר אונז איז דאָס ניט סתם אַ טעאָרעטישע פראַגע. דאָס איז אַ פראַגע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פון קאָ־עקזיסטענץ אין דעם אידישן לעבן — און קאָ־עקזיסטענץ מיט דער איבערוועגנדיגער מערהייט. אַכציג פּראָצענט פון די אידן אין אַמעריקע זיינען היגעבוירענע. זיי רעדן ענגליש. דאָס איז אַ פאַקט — ווי מען זאָל אים ניט אויפנעמען. און דאָ האַנדלט זיך וועגן אונזערע שכנים, אַרבעטער אין שאָפּ און אין אָפיס, און — וועגן אונזערע אייגענע קינדער און אייניקלעך.

עס וועט ניט שאַטן צו נעמען אין אַכט, אַז בשעת אין די אַכציג פּראָצענט גייען אַריין איבער אַנדערהאַלבן מיליאָן קינדער און יוגנטלעכע, מאַכן אויס די צוואַנציג פּראָצענט אידיש־רעדנדיגע דערוואַקסענע, וועלכע פאַרמאָגן אַ גרויסן עלעמענט געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע. קוואַליטאַטיוו, הייסט עס, באַ־דייטן די 20 פּראָצענט פיל מער ווי די צאָל קאָן שאַפן דעם איינדרוק. ס'איז אויך ריכטיג, אַז אידיש־רעדנדיגע זיינען מער קאָנצענטרירט אין די גרעסערע שטעט, אָנגעהויבן פון ניו יאָרק, וואו דער טראָפּ אויף אידיש לעבן ווערט געשטעלט. אָבער דאָס אַלץ קאָן ניט באַזייטיגן דעם פאַקט — די טראַנס־פאָרמאַציע פון אידיש לעבן אין פרט פון לשון.

די פראַגע שטייט: וואָס טוען מיר, אויף ענגליש, כדי איינצופלאַנצן אונזער צוגאַנג צו אידיש לעבן, צו אידישן אינהאַלט? און די פראַגע דאַרף אויך געשטעלט ווערן אַנדעריש: וואָס ווייסן מיר פון דעם לעבן פון דער דאָזיגער איבערוועגנדיגער מערהייט אידן, וואָס לעבט זיך אויס אויף ענגליש?

דאָ מוזן מיר זיך שטאַרק קריטיקירן. די „מאָרגן פרייהייט" שפּיגלט כמעט אינגאַנצן ניט אָפּ וואָס עס טוט זיך אין בני ברית, אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרום אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער, אָדער „הדסה" — מיט 350 טויזנט

מיטגלידער, ווי בכלל אין דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר גיבן זיך כמעט גאָרניט אָפּ מיטן ארבעטער־רינג, נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד. עס גייען ארויס העכער 100 ענגליש־אידישע וואָכנבלעטער, מאָנאַטלעכע זשורנאַלן וואָס איז זייער כאַראַקטער? עס גייען ארויס יערלעך אַרום 200 ביכער אויף ענגליש וועגן אידישע פראַגן, אָדער בעלעטריסטיק אויף אידישע טעמעס. וואָס ווייסן מיר וועגן זיי?

דאָס ניט אָפּשפּיגלען דאָס אידישע לעבן אויסער די פּראָגרעסיווע שיכטן שטעלט־פאָר מיט זיך אַן ערנסטן, נעגאַטיוון מאָמענט אין דער ארבעט פון דער „מאָרגן פרייהייט". עס וועט דאַרפן זיין די אויפגאַבע פון דער רעדאַקציע, פון די מיטאַרבעטער, אין רעדאַקציע און אויסער איר, איבערן גאַנצן לאַנד, צו בייקומען דעם דאָזיגן ערנסטן חסרון. ספּעציעל ווען „זיי" — ס'הייסט עלעמענטן פון אַנדערע ריכטונגען — לאָזן „אונז" ניט צורו, זוכן צו באַאיינפלוסן אונז און אונזערע קינדער.

פאָרגעשריטענע און רעאַקציאָנערע שטרעמונגען

מיר זיינען עדות פון צוויי שטראָמען אינם אידישן לעבן אין אַמעריקע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. פון איין זייט — אַ פאָרגעשריטענער. למשל, ס'איז באַוואוסט, אַז אַ גרויסער פּראָצענט אידן האָבן געשטימט פאַר רוזוועלט'ן; אידישע פּערזענלעכקייטן, איינגעשלאָסן רבנים, האָבן זיך באַטייליגט אין קאַמף געגן מעקאַרטיזם, פאַר די ראָזענבערגס, קומען ארויס פאַר מאָרטאָן סאָבעל'ן, טרעטן ארויס געגן דער קאַלטער מלחמה. אידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַלע ריכטונגען, איינגעשלאָסן די אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, פאַרמאָגן אַ לויבנסווערטיגן רעקאָרד אין קאַמף פאַר נעגער־רעכט. אידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעשטעלט מעמאָראַנדומס צום סופרים־קאָורט לטובת דעסעגרעגאַציע, ערב דער היסטאָרישער אנטשיידונג פונם העכסטן געריכט אין 1954. אין קאַמף פאַר אָפּשטעלן די אַטאָם־עקספּערימענטן, פאַר קאָ־עקזיסטענץ לאָזן זיך הערן שטימען פון אָנגעזעענע אידישע פּערזענלעכקייטן.

דאָס — פון איין זייט. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך געשטאַרקט דער נאַציאָנאַליזם, דער שאָוויניזם און פּראָסט־פּשוט'ער אָבסקוראַנטיזם. דאָ שפּילן אַ ראָל איינפלוסן פון פּאָליטישן ציוניזם. מדינת ישראל ווערט אויסגענוצט כדי צו שטאַרקן דעם שאָוויניזם, אָפּזונדערן די אידישע מאַסן. די פּראָפּאַגאַנדע־שפּראַך איז דאָ אין דער איבערוויגנדיגער מאָס אויף ענגליש. מיר וועלן שפּעטער עטוואָס מער זיך אָפּשטעלן אויפן ציוניזם און אויף דער ראָל פון מדינת ישראל. ס'איז אָבער קלאָר, אַז די באַרעכטיגטע סימפּאַטיעס פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע פאַר ישראל ווערן אויסגענוצט אויף שעדלעכע איינשטעלונגען. דאָס האָט מען, למשל, געקאָנט זען אין דער אָפּוועזנהייט צווישן אַמעריקאַנער אידן פון וועלכן עס איז באַדייטנדיגן פּראָטעסט געגן דער באַוואָפענונג פון מערב־דייטשלאַנד. ס'איז דאָ פּאַקטיש געשטיצט געוואָרן די פּאָליטיק פון סטעיט־דעפּאַרטמענט. דאָס האָט מען אויך געזען אין די פּאַרזוכן צו ארויסרוקן אַדענאַוער'ן ווי אַ זייל פון דער „פרייער וועלט". בשעת די סוואַסטיקאַ־מגפה האָט זיך, די לעצטע צייט, פאַרשפּרייט, האָט מען אין אַמעריקע צוליב דעם ניט געזען קיין ברייטע אידישע פּראָטעסטן, כאָטש אין דער פאָרם ווי מ'האָט עס געזען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער.

מיר האָבן פריער, פאַרבייגייענדיג, רעדנדיג וועגן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די אידן אין אַמעריקע, אָנגעוויזן אויף עלעמענטן פון דער גרויס־בורזשואזיע און טיילווייז אפילו מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל צווישן אַמעריקאַנער אידן. די דאָזיגע עלעמענטן זוכן אויסצואיבן זייער איינפלוס אויף די אידישע מאַסן — דורך די וועלפעיר־באָארדס, יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל און אַנדערע אַפּאַראַטן, וואָס זאַמלען יערלעך העכער 200 מיליאָן דאָלאַר פאַר צדקה־צילן, פאַר ישראל, פאַר רעליגיעזע און אַנדערע צילן, פאַר קולטור — זייער קולטור, כמעט אויסשליסלעך אויף ענגליש. פיל פון די עלעמענטן, אליין ניט קיין רעליגיעזע, גיבן געלט אויף טעמפּלען און סינאַגאָגעס, כדי אריינצוציען אַנדערע אונטערן איינפלוס פון רעליגיע. זיי העלפן אפילו שטאַרקן די טעאָקראַטיע אין ישראל.

ביי דער געלעגנהייט איז נויטיג צו אונטערשטרייכן דעם אונטערשייד צווישן די טערמינען „אינטעגראציע" און „אסימילאציע". די אמעריקאנער אידן זיינען אין דער גרעסטער מערהייט אינטעגרירט אין דער אלגעמיינער קולטור (אדער „קולטור"), שפראכלעך אינטעגרירט, אבער זיינען ניט אסימילירט. דאס אמעריקאנער אידישע לעבן איז נאך קיינמאל ניט געווען אזוי אידיש־ארגאניזירט, ווי איצט. די עטלעכע ציפערן וואס מיר האבן פריער געגעבן וועגן בני ברית, הדסה, וועגן דער אידיש־ענגלישער פרעסע און אידישע ביכער אויף ענגליש, זאגן ווייט ניט אלץ. דאס לעבן האט באוויזן, אז די פאראויסזאגונגען פון קאוטסקי'ן מיט העכער פופציג יאר צוריק האבן ניט געהאט האפט. דאס הייסט ניט, אז ס'איז אינגאנצן ניטא קיין אסימילאציע — כאטש זי איז זייער ניט־באדייטנדיג. דאס הייסט אויך ניט, אז ווארטזאגער פון די גרויס־בורזשואזע עלעמענטן אין אמעריקע פרעדיגן ניט אנגלאזאקסישע אסימילאציע. עס דאמינירן אבער די עלעמענטן, צווישן וועלכע עס פארנעמען א באזונדער ארט פירער פון פאליטישן ציוניזם, וואס פארשפרייטען נאציאנאליזם, שאוויניזם און וואס ווירקן אזוי, אז אידישע מאסן זאלן אפגעזונדערט ווערן פון די ברייטע אמעריקאנער מאסן. אין דער זעלביגער צייט אריענטירן זיך די דאזיגע פירער אויפן אמעריקאנער קאפיטאליזם און אימפעריאליזם. מיר האבן דא שטרעמונגען, וואס זיינען שעדלעך אין פיל פרטים און וואס לאזן געוויס ניט שאפן א געזונט אידיש לעבן.

איך וויל דא נאר פארבייגייענדיג זיך אפשטעלן אויף צווי ביכער, וואס אילוסטרירן אין א שרייענדיגער מאס די פארמען פון דער דאזיגער שעדלעכער פראפאגאנדע: לעאן יורים'עס „עקזאדוס" און הערמאן וואוק'ס „דהיס איז מאי גאד" (דאס איז מיין גאט). איין לעקציע וואס „עקזאדוס" גיט אונז איז, אז אידישע מאסן, באזונדער די יונגנט, האבן א גרויסן אינטערעס פאר אידישער געשיכטע, באזונדער פאר דער הערא‏איק פון דער אידישער געשיכטע (לאמיר עס געדענקען שפעטער, ווען מיר וועלן דערמאנען א רעדע, וואס גענארג דימיטראוו האט געהאלטן). לעאן יורים גיט עס — אין א מעלאדראמאטישער, געפעלשטער פארם. ער פרעדיגט ציוניזם; אין דער ווארשעווער געטא האבן לויט אים געקעמפט נאר ציוניסטן; אידיש איז ביי אים „בעסטערד דזשוירמען", ממזר־דייטש. ניט קיין וואונדער וואס בן גוריון האט דערקלערט, אז „עקזאדוס" איז זעלטענע ציוניסטישע פראפאגאנדע. אין „קאנגרעס באי־ווינקלי" האט מען נאר־וואס אנגעוויזן, אז אלע טאנען ציוניסטישע פראפאגאנדע האבן ניט געווירקט אזוי ווי איין „עקזאדוס" און אז אלע אנשטרענגונגען איינצופלאנצן רעליגיע האבן ניט געהאט אזא ווירקונג ווי הערמאן וואוק'ס בוך.

קינדער־שולן און ישיבות

און ניט סתם רעליגיע. מיר האבן אין אמעריקע א וואוקס פון דעם וואס מען רופט „וויליאמסבורג", אדער „סאטמאריזם" — א פאנאטיזם וואס דערמאנט אן גער און קאצק אין אמאליגן פוילן. דער דאזיגער פאנאטיזם ווערט באוואוסטזיניג אנטוויקלט, שפרייט זיך אויס, נעמט ארום צענדליגער טויזנטער יוגנטלעכע. אין די ישיבות אליין ציילן זיך שוין איצט ארום 45 טויזנט יוגנטלעכע.

דאס ברענגט אונז צו אן אנדער געביט. אין פארגאנגענעם יאר האבן די אידישע קינדער־שולן אין אמעריקע געוויזן א רעגיסטראציע פון 553 טויזנט קינדער. בלויז ארום פופצן (15) טויזנט זייערע — עטוואס ווייניגער פון 3 פראצענט — האבן זיך געפונען אין די וועלטלעכע שולן פון אלע ריכטונגען — פראגרעסיווע, ארבעטער־רינג, נאצ. ארבעטער פארבאנד, שלום־עליכם. העכער 97 פראצענט — אין די שולן ביי די טעמפלען און סינאגאגעס, אין די תלמוד תורה'ס און ישיבות. די ציפערן טאר מען רואיג ניט פארבייגיין.

ביים ארייננטראכטן זיך אינם אידישן לעבן אין אמעריקע מוז מען אינזיינען האבן די „סאבורביא", וואו נייע פארמען און נארמען זיינען געשאפן געווארן, — אדער אלט־נייע, אויף וויפיל ס'איז ריכטיג די אפשאצונג, אז

„סאָבוירבס" (פֿאַרשטעט) זיינען „גאָלדענע" געטאָס, וואו עס דאָמינירט דער טעמפּל, אָדער די סינאַגאָגע.

די אַלע פֿאַקטן דאַרפֿן קלאָר מאַכן פֿאַר אונז די געפֿאַר פֿון אָפּזונדערן זיך אין די אייגענע דלד אמות, איינשליסן זיך אין די אָנגענומענע פֿאָרמען פֿון אַרבעט, פֿון קולטור־אַרבעט נאָר אויף אידיש, און אַז. וו. די איזאָלאַציע איז אַ געפֿערלעך פֿאַר דער פּראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג גופֿא און אַ זי לאָזט דאָס פֿעלד פֿון אַרבעט צווישן דער מערהייט פֿון פֿאָלק פֿריי פֿאַר די שאָוויניסטן און אָבסקוראַנטן, לאָזט פֿאַנאַנדערוואַקסן דאָס ווילדגראָז פֿון פּוסטקייט און גראָבן מאַטעריאַליזם, לאָזט אויסליידיגן דאָס אידישע לעבן פֿון גייסטיגע ווערטן.

ס'איז דער חוב פֿון פּראָגרעסיווע אידן, אידיש־רעדנדיגע און ענגליש־רעדנדיגע, צו זיין טעטיג אינם אידישן לעבן, אין דער „קאָמיוניטי", מיטאַרבעטן מיט אַנדערע עלעמענטן, סיי אין פֿראַגן פֿון אַלגעמיין אַמעריקאַנעם און אידישן כאַראַקטער, אין קאַמף פֿאַר שלום, ציווילע רעכט, געגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם בכלל, געגן יקרות, איינאָרדענען געמיינשאַפֿטלעכע קולטור־צוזאַמענקונפֿטן, געטאָ־פֿייערונגען, העלפֿן פֿאַרזיכערן אַ זעלבשטענדיגע מדינת ישראל, און סיי אין פּרט פֿון לאָקאַלע אַקציעס. וואָס מער קאָנטאַקט מיט אַנדערע עלעמענטן, אויף וועלכן עס איז פּאָזיטיוון געביט, פֿון סאַמע לאָקאַלן אָדער באַגרעניצטן כאַראַקטער אַפֿילו, איינגעשלאָסן וואוילטעטיגע צוועקן, איז דאָס געבאָט פֿון דער שעה. און אינזינען מוז מען האָבן צוצוטרעטן צו אַנדערע עלעמענטן מיט טאָלעראַנץ, פֿאַרגעסנדיג אָן אַלטע חשבונות. איינינגקייט־אַרבעט, קאָנטאַקט, הייסט ניט אויפֿגעבן די אייגענע פּרינציפּן, איינשטעלונגען. אָבער דאָס טאָר ניט שטערן צונויפֿצוגיין זיך מיט פּרינציפּיעלע געגנער אין פֿראַגן בנוגע וועלכע מען קאָן אַרבעטן צוזאַמען.

פֿון דעם אַלעמען איז אויך קלאָר, אַז אַ וויכטיגער מאָמענט אין דער אַרבעט פֿון באַקענען די ברייטע אידישע מאַסן מיט אונזער צוגאַנג צו אידישע פֿראַגן, באַקענען זיי מיטן אוצר פֿון דער אידישער קולטור איז — אַרבעט אויף ענגליש, אויך אויף ענגליש.

ענגלישע אָפּטיילונג אין דער „מאָרגן פֿרייהייט"

וועגן דער ענגלישער אָפּטיילונג אין דער „מאָרגן פֿרייהייט" איז אין דער דיסקוסיע ערב דעם היינטיגן צוזאַמענפֿאָר — אַ זעלטן־ברייטע, וויכטיגע דיסקוסיע — און אויף די פֿאַרשיידענע פּרעסע־קאָנפֿערענצן פֿיל גערעדט געוואָרן. איך האָב ניט בדעה אוועקצומאַכן מיט דער האַנט די טענות געגן די צוויי זייטן אויף ענגליש. כאָטש מען קאָן ניט זאָגן, אַז דער סוף־וואָך נומער „מאָרגן פֿרייהייט" האָט ניט גענוג לייען־מאַטעריאַל, — די וואָס זיינען באַשעפֿטיגט און אויך געזעלשאַפֿטלעך פֿאַרנומען קלאָגן זיך, אַז זיי דאַרפֿן זיך אָנשטרענגען אָנצוזאָגן מיטן איבערלייענען דעם נומער, — איז פֿונדעסטוועגן קלאָר, אַז מען וואָלט געקאָנט באַנוצן די צוויי זייטן אויף אַנדערע מאַטעריאַלן. דאָס איינפֿירן די שאַפּ און יוניאָן זייט האָט געשאַפֿן אַ געוויסע ענגשאַפֿט אין דעם סוף וואָך נומער. ס'איז אויך פֿאַראַן אַ באַרעכטיגטער מאָמענט אין די טענות, אַז די זייטן ווערן ווייניג געלייענט; אַז די ענגליש־לייענענדיגע ווילן אָן אויסגאַבע, וואָס איז אינגאַנצן אויף ענגליש. ניט געקוקט אויף די אַלע טענות, דאַכט זיך מיר, אַז די געגנערשאַפֿט נעמט זיך אין אַ באַשטימטער מאָס דערפֿון וואָס מען וויל ניט זען, אָדער מען זעט ניט וואָס עס טוט זיך אַרום אונז, און מ'איז צופֿרידן אויסצוקומען ווי ביז אַהער. דאָס הייסט — ניט מען דאַרף זיך קימערן וועגן אַנדערע, ניט מען דאַרף שאַפֿן מעגלעכקייטן, אַז אַנדערע זאָלן וויסן וועגן אונזער שטעלונג צו פֿאַרשיידענע פֿראַגן (איך האָב אינזינען אידישע פֿראַגן, וואָס וועגן זיי קאָנען די פֿאַראינטערעסירטע אין אַלגעמיין־פּראָגרעסיווע אויסגאַבן אויף ענגליש קיין באַלייכטונג ניט געפֿינען).

די ענגלישע אָפּטיילונג, וואָלט איך געזאָגט, איז אַ מין פֿענצטער צו דער דרויסנדיגער וועלט. אויף וויפֿיל דאָס גיט אַ געלעגנהייט צו שאַפֿן אַפֿילו אַ באַגרעניצטע צאָל לייענער, ספּעציעל צווישן ענגליש־לייענענדיגע, איז דאָס

גוט. דאס איז, קאן מען זאגן, דער עיקר, אבער וויט ניט אלץ. אן דער ענגלישער אפטיילונג וואלט ניט מעגלעך געווען פאר אנדערע, וואס ווילן וויסן אונזער שטעלונג צו געוויסע פראגן, צו דערוויסן זיך וועגן דעם. אן אזא אפטיילונג ווערט אוממעגלעך פאר אונז צו האלטן אינפארמירט געוויסע אינסטיטוציעס מיט אונזער שטעלונג צו פארשיידענע אידישע פראגן — זאל עס זיין, למשל, דעם אמעריקאנעם אידישן קאנגרעס, אדער בני ברית, אדער „הדסה" און אנדערע אנשטאלטן, אדער די ענגליש־אידישע פרעסע.

לאמיר דא אנווייזן, אז אונזער אלגין האט געהאט איינגעפירט אן ענגלישן קאלום יעדן טאג, אנגעפירט מיט אים א סך יארן. נאך זיין אוועקגיין האבן מיר געהאט ענגלישע קאלומס פון אנדערע שרייבער, און איין צייט אפילו געהאט א באזונדערע ענגלישע ביילאגע (איצט קאנען מיר זיך דאס ניט דערלויבן; ס'איז אן עקסטרע הוצאה פון אוודאי 25 טויזנט דאלאר א יאר און מער). לאמיר אויך אנווייזן, אז כמעט אלע פראגרעסיווע אידישע צייטונגען — אין קאנאדע, פראנקרייך, ארגענטינע, בראזיל, האבן אין זייערע גרעסערע נומערן אפטיילונגען אין די שפראכן פון לאנד.

די פראגרעסיווע אידישע עלעמענטן האבן א וויכטיגן חודש־זשורנאל „דזשואיש קוירענטס", וואס דארף געשטיצט ווערן. דער זשורנאל, וואס האט אמאל געהייסן „דזשואיש לאיף", איז ווי באוואוסט געגרינדעט געווארן דורך דער „מארגן פרייהייט". דאס איז א וויכטיגער און נויטיגער זשורנאל. ער האט לעצטנס באצייכנט א געוויסן וואוקס — און דאס איז צו באגריסן. אבער א חודש־אויסגאבע איז ניט גענוג, האזונדער ווען מען דארף באהאנדלען דרינגענדיגע, ברענענדיגע, פראבלעמען. למשל, די פראבלעמען וואס האבן זיך געשאפן ארום דער סוואסטיקא־מגפה. ס'האט זיך געפאדערט צו רעאגירן באלד, וואס גיכער.

וואלט די צייטונג אינמיטן וואך ניט געווען אזוי קליין, וואלט געדארפט שטיין די פראגע וועגן איינפירן א טעגלעכן ענגלישן קאלום. ווי די זאך איז איצט, מוזן מיר, לויט מיין מיינונג, האבן די ענגלישע אפטיילונג אין דעם סוף וואך נומער.

געוויס קאן עפעס געזאגט ווערן וועגן דעם אינהאלט, ווי אויסצובעסערן די אפטיילונג. אבער דאס איז אן אנדער פראגע, וועלכע גייט אריין אין די ראמען פון פארבעסערן די צייטונג בכלל.

געגן ניהיליזם

מיר האבן פריער גערעדט וועגן דער געפאר פון שאוויניזם און בורזשואזן נאציאנאליזם, וואס האט דערפירט צו אבסקוראנטיזם און וואס שעדיגט דאס אידישע לעבן דא אין לאנד און אין א באשטימטער מאס אויך מדינת ישראל. אבער בורזשואזער נאציאנאליזם איז איין זאך און די נאציאנאלע אינטערעסן פון פאלק — גאר עפעס אנדערש. אין א געוויסער מאס פאלט די שולד פאר דער דאמינירונג פון שאוויניזם — אויף יענע פראגרעסיווע עלעמענטן וואס קוקן אויף אידישער ארבעט, ווי אויף עפעס אן ענין פון „פראפעסיאנעלע אידן" און וואס האלטן, אז קיין אידישע פראגן זיינען אדער אינגאנצן ניטא אדער האבן א קנאפע באדייטונג.

מען מוז זאגן, אז אזעלכע מענטשן וויסן אפט ניט וואס ארום זיי טוט זיך — מעגן זיי האבן די בעסטע כוונות. מען מוז אויך זאגן, אז עס איז שווער צו פארטראגן די רייד פון די וואס מאכן אוועק מיט דער האנט אידישע פראבלעמען — מיט דער דערקלערונג, אז אנדערע פראבלעמען, פראבלעמען פון ראסיזם בכלל, זיינען וויכטיגער. געוויס זיינען ניט אלע פראבלעמען גלייך און אודאי זיינען אלגעמיינע פראבלעמען פון ראסיזם זייער וויכטיג. פון זיי הענגט אויך אפ די לייזונג פון דער אנטיסעמיטיזם־פראגע. אבער די מענטשן, אויב עס איז זיי שוין יע אזוי שווער צו באגרייפן די פראבלעמען פון אידישן לעבן, וואלטן זיי געמעגט אינזינען האבן א „קליינינקייט": א דריטל פון אידישן פאלק איז ערשט נאר־וואס אומגעבראכט געווארן אין די גאז־קאמערן, אויף אלערליי גרוילהאפטע אופנים. ווי קאן מען זיין אזוי ניט סענסיטיוו צו אזא קאטאסטראפע, אפילו ווען עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן אן אנדער פאלק, ניט וועגן אייגן פאלק? ווי קאן מען זיין אזוי ניט־סענסיטיוו

צו א קאטאסטראפע, וואס האט געלאזן אזעלכע טיפע וואונדן אין צענדליגער טויזנטער אידישע היימען אין אמעריקע? ווי קאן מען דערוואַרטן, אז צווישן די אידישע מאסן זאלן זיך די וואונדן ניט לאזן פילן?

איז טאקע נויטיג א נייע סוואסטיקא־מגפה, אז געוויסע מענטשן, וואס זיינען געווײנלעך גלייכגילטיג צו די שטימונגען פון די אידישע פאלקס־מאסן, זאלן זיך מיטאמאל אויפכאפן — כדי וואס? כדי באלד ווידער אריינצופאלן אין גלייכגילט בנוגע אידישע פראבלעמען?

ס'איז נויטיג, דאכט זיך מיר, אין פארבינדונג דערמיט אפצושיקן געוויסע מענטשן צו דער רעדע פון איינעם פון די העלדן פון אונזער צייט, צום העראאישן אנטי־פאשיסט געארג דימיטראוו, וועלכער האט אין 1935 אנגעוויזן אויף דער געפאר פון ניהיליזם, פון האבן א נעגאטיווע באציאונג צו דער געשיכטע פון אייגענעם פאלק, צו זיינע טראדיציעס און העראאישע קאמפן.

איך האב ליידער געהאט די ניט זייער אנגענעמע דערפארונג, צו הערן פון געוויסע מענטשן, בשעת איך האב זיי אנגעוויזן אויף דימיטראוו'ס רעדע, אז דאס איז געווען גילטיג דעמאלט, ניט איצט... אז אזא צוגאנג איז פאלש און שעדלעך, איז קלאר פון זיך אליין. אבער צוגעבן מעג מען, אז זינט 1935 איז „בלויז" פארגעקומען די צווייטע וועלט־מלחמה, מיט שחיטות אויף רוסן, פאליאקן, טשעכן, פראנצויזן און אנדערע פעלקער — און זעקס מיליאן אידן! עס זיינען פארגעקומען העראאישע קאמפן אן א צאל מצד די אלע פעלקער — און דער אויפשטאנד פון דער ווארשעווער געטא, פון דער ביאליסטאקער און אנדערע געטאס, שחיטה־לאגערן!

ס'איז קלאר דערפון וואס דימיטראוו האט געזאגט און וואס די ווירקלעכקייט האט באשטעטיגט, ספעציעל זינט דעם אויפקומען פון פאשיזם־נאציזם, אז אויסגעהאלטענע פראגרעסיווע מענטשן מוזן אינזינען האבן די נאציאנאלע אינטערעסן פון אייגענעם פאלק. אידישע אנטי־פאשיסטן, וואס פארלעצן די דאזיגע איינשטעלונג, קאנען ניט זיין קיין פאקטאר אין די קאמפן פון די אידישע פאלקס־מאסן און שפילן אריין אין די הענט פון די שאוויניסטן — ניט נאר דערמיט, וואס זיי לאזן דאס פעלד פאר זיי, די שאוויניסטן, נאר אויך דערמיט וואס צוליב דעם גלייכגילט פון פראגרעסיווע צו די פראבלעמען פון די אידישע פאלקס־מאסן, ווערט די זאך פון פראגרעס צווישן אט־די מאסן דיסקרעדיטירט. אן אמת'ער פראגרעסיווער מענטש איז דער, וועמען די אינטערעסן פון זיין פאלק גייען אן און וועלכער איז סענסיטיוו צו די ליידן פונם פאלק און זוכט צו האלטן לעבעדיג דאס בעסטע און דאס פראגרעסיווע אין דער געשיכטע און אין די טראדיציעס פונם פאלק.

פראבלעמען פון אידישן פאלק

אמעריקאנער אידן, אלע אידן, אויך פראגרעסיווע, האבן א בארעכטיגטן אינטערעס אין די אידישע ישובים אין אנדערע לענדער און א בארעכטיגטן אינטערעס אין ישראל. און דאס איז ניט נאר דערפאר וואס אמעריקאנער אידן האבן קרובים אין פיל פון די לענדער. ס'איז, ווידעראמאל, גענוג א טראכט צו טאן וועגן דער סוואסטיקא־מגפה פון די איצטיגע טעג מיר זאלן זען ווי אזוי אנטי־אידישע ארויסטרעטונגען אין איין לאנד קלינגען אפ צווישן אידן אין אן אנדער לאנד; ניט נאר צווישן אידן, אבער דער עיקר צווישן אידן.

פראגרעסיווע אידישע עלעמענטן אין אמעריקע פאלגן נאך די קאמפן פון פראגרעסיווע אידישע עלעמענטן אין אנדערע לענדער, אינטערעסירן זיך מיט די דערגרייכונגען פון די פארשיידענע ישובים אויפן געביט פון דער פראגרעסיווער אידישער קולטור. די איצטיגע שלום עליכם אויסשטעלונג אין דער אונעסקא געבײדע אין פאריז, למשל, איינגעארדנט דורך דעם שלום עליכם קאמיטעט אין פראנקרייך, האט געקראגן די מיטהילף פון אידישע קולטור־בויער אין פארשיידענע לענדער. די שלום עליכם פייערונגען אין סאוועטן־פארבאנד האבן געקראגן אן אפקלאנג צווישן אידישע ישובים איבער דער וועלט און דער שלום עליכם באנד אין אידיש, וואס איז אין מאסקווע ארויסגעגעבן געווארן, איז מיט פרייד אויפגענומען געווארן פון אידישע לייענער אין אמעריקע און פיל אנדערע לענדער.

די געטא־פייערונגען אין ווארשע, יעדן אפריל, ציען צו דעם ברענענדיגן

אינטערעס פון אידן אין אַנדערע לענדער, באַזונדער פון אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטן, וואָס האַלטן הויך דעם לאָזונג „ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן". אין אַמעריקע קומען פאַר יעדן יאָר געטאָ־פייערונגען, וואָס רופן זיך איבער מיט די פייערונגען אין פוילן און אין פיל לענדער מיט אידישע ישובים.

צו די פייערונגען אין וואַרשע אין אַפּריל 1958, צום 15טן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד, זיינען געקומען דעלעגאַציעס פון זיבעצן לענדער, איינגעשלאָסן סאָוועטן־פאַרבאַנד. א סאָוועטישע דעלעגאַציע, צוזאַמען מיט דעלעגאַציעס פון אַנדערע לענדער, איז געקומען אין פּאַריז, צום אויפדעקן דעם מאָנומענט נאָכ'ן אידישן מאַרטירער.

ווייטער. די אידישע מאַסן אין אַמעריקע, ווי אין אַנדערע לענדער, האָבן, ווי געזאָגט, א באַרעכטיגטן אינטערעס אין ישראל. אויף זייער באַשיידענעם אופן האָבן זיי אַנטייל גענומען אינם קאַמף פאַרן געבורט פון ישראל, אין 1947־1948. באַדייטנדיגע טיילן פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע זיינען באַזאָרגט פון דער געפערלעכער פּאָליטיק פון דער בן גוריון רעגירונג, וואָס שעדיגט ישראל, און דריקן אויס אויף פאַרשיידענע אופנים זייער סאָלידאַריטעט מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין ישראל.

עס וועט ווערט זיין אָנצואווייזן אויף דער באַגריסונג צום היינטיגן צוזאַמענפאָר אונזערן פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין מדינת ישראל, פון זייער צייטונג „פריי ישראל", צוזאַמען מיט באַגריסונגען פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַנדערע לענדער. און אין די באַגריסונגען גופא רעדט זיך וועגן אידישן פאָלק און וועגן געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן פון פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן אין פיל לענדער.

ניט „נאַציע" נאָר „פאָלק"

מ'וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך א סך פאַקטן, אָבער פון די ביישפּילן אַליין מוז אַרויסדרינגען א באַשטימטע איינשטעלונג. און מיר קאָנען ניט געפינען קיין אַנדער פאָרמולירונג, ווי די וואָס מיר האָבן אָנגעווענדט מיט דריי יאָר צוריק, אין אונזער באַריכט צום „מאָרגן פרייהייט" צוזאַמענפאָר אין יאַנואַר 1957, ווי ביי אַנדערע געלעגנהייטן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן א **אידיש פאָלק**, וואָס וואוינט און איז איינגעוואָרצלט אין פאַרשיידענע לענדער, היים־לענדער און וואָס איז אָבער אויך פאַרבונדן צווישן זיך, איבער לענדער און ימ'ען, דורך זיין געשיכטע, די געשיכטע פון אידישן פאָלק, דורך טראַדיציעס, פּסיכיק, קולטור — אויף אידיש און אַנדערע שפּראַכן — דורך פאַרפאָלגונגען, אַנטיסעמיטיזם, דורך הערואישע קאַמפן און אויך, ביי געוויסע עלעמענטן, דורך רעליגיע.

געוויס און אָן שום ספק: עס האַנדלט זיך וועגן פאָלק, ניט וועגן נאַציע. נאַציע איז א פּאָליטיש־עקאָנאָמישער טעריטאָריעלער באַגריף. אַמעריקאַנער אידן, למשל, זיינען א טייל פון דער **אַמעריקאַנער נאַציע**, „אַמעריקען נעישאָן". זיי זיינען ניט און קאָנען ניט זיין א טייל פון אַן אַנדער נאַציע. אַזאַ איינשטעלונג, חוץ וואָס זי איז ניט וויסנשאַפטלעך, וואָלט זי אויך געשאַפן קאָנפליקטן.

עס איז אמת, אַז דער שאָוויניזם, דער פּאָליטישער ציוניזם, שטרייכט אונטער דעם טערמין „אידיש פאָלק" אויף זיין שטייגער. עס באַקומט זיך א מין „וועלט־פאָלק", וואָס איז ווידעראַמאָל א פאָלק פאַר זיך אַליין, אָפּגעריסן פון באָדן, אָפּגעריסן פון די קאַמפן פון די מאַסן צווישן וועלכע אידן לעבן, אין יעדן לאַנד באַזונדער. עס באַקומט זיך די שעדלעכע איינשטעלונג — פון וועלכער דער ציוניזם אין אַמעריקע האָט זיך שוין געמוזט אָפּזאָגן — אַז דער איד איז שיעור ניט א פרעמדער ביי זיך אין זיין היים־לאַנד. עס באַקומט זיך אויך, ביי געוויסע ניט־ציוניסטן, וועלכע זיינען אָבער איינגעטונקט אין נאַציאָנאַליזם, אַ מין מעטאַפיזישער באַגריף — „וועלט־פאָלק" — וואָס איז פונקט אַזוי שעדלעך און גראָבט פונקט אַזוי אונטער די פּאָזיציעס פון די אידישע מאַסן אין די לענדער וואו זיי האָבן זייערע היימען.

עס ווענדט זיך, פאַרשטייט זיך, אין וועלכן זין דער באַגריף „אידיש פאָלק" ווערט באַנוצט. אין יעדן פאָלק באַנוצן פאַרשיידענע שיכטן די

זעלביגע נאַציאָנאַלע טערמינען, נאָר מיט אַן אַנדער באַדייטונג.

קלאָר איז פון די אויבן־געבראַכטע ביישפּילן און ווידעראַמאָל פון דער איצטיגער סוואַסטיקאַ־מגפה, אַז יעדע איינשטעלונג, וואָס לייקנט אָפּ, אָדער האַמעוועט, דעם נאַטירלעכן אינטערעס פון אײן אידישן ישוב אינם אַנדערן, קאָן נאָר ברענגען פאַרקערטע רעזולטאַטן, קאָן נאָר אַריינשפּילן אין די הענט פון די שאָוויניסטן.

אידישער וועלט - קאָנגרעס

פונם שטאַנדפּונקט פון צווישן־באַציאונגען פון איין אידישן ישוב מיטן אַנדערן איז געווען ריכטיג דאָס באַטייליגן זיך פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און באַלד נאָך דער מלחמה, אין דער אַרבעט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס און אין די קערפּערשאַפטן, וואָס פאַרטרעטן אים אין די פאַרשיידענע לענדער, ווי, למשל, דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס דאָ אין אַמעריקע.

ס׳איז אויך גוט געווען וואָס פאָרשטייער פון פּוילן, רומעניע, אונגאַרן און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער זיינען געווען פאַרטראָטן אויפן צוזאַמענקונפט פונ׳ם אידישן וועלט־קאָנגרעס באַלד נאָך דער מלחמה, אין מאָנטערעי, שווייץ. די האַנדלונג פון דער פירערשאַפט פון וועלט־קאָנגרעס, וועלכע איז מיטגעגאַנגען מיט דער קאַלטער מלחמה, האָט — ווי מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן — אוממעגלעך געמאַכט פאַר די פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטישע לענדער ווייטער צו באַטייליגן זיך אינם קאָנגרעס. ווערנדיג אַריינגעצויגן אין דער קאַלטער מלחמה, האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס אויסגעשלאָסן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן דאָ אין אַמעריקע. דאָס זעלביגע האָבן געטאָן די קאָנגרעס־קערפּערשאַפטן אין קאַנאַדע, פראַנקרייך, און אַנדערע לענדער.

מיט׳ן אָנשטיין פון דער אַנטשפּאַנונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע האָט זיך אויך אין אידישן וועלט־קאָנגרעס עטוואָס געביטן, — נאָר עטוואָס דערווייל. אויף דער סעסיע פון אידישן וועלט־קאָנגרעס אין סטאָקהאָלם, אין אויגוסט 1959, זיינען אויך געווען פאָרשטייער פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די אידן אין פּוילן — ווי באַאָבאַכטער. אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק זיי איז פאַרן צוזאַמענקונפט פון פאָרשטייער פון אידן אין איבער פערציג לענדער געשטעלט געוואָרן די פראַגע פון דער קאַלטער מלחמה, דייטשער באַוואָפענונג, פון דער ראָל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער אין קאַמף פאַר שלום. עס איז אין סטאָקהאָלם אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער וויכטיגקייט פון קאַמף געגן נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם אין מערב־דייטשלאַנד און עס איז געשטעמפּלט געוואָרן פאַר די אידן אומעטום, ווי פאַר דער עפנטלעכקייט פון דער גאַנצער וועלט, דער געוועער־אָפּמאַך צווישן דער בן גוריון רעגירונג און דעם אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים. דער פּרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, דר. נ. גאָלדמאַן, האָט אין סטאָקהאָלם, פון דער טריבונע פון קאָנגרעס גופא, געקראָגן אַ ווידערשטאַנד פאַר זיין שעדלעכער שטעלונג בנוגע מערב־דייטשלאַנד.

אַ דאַנק דער באַמיאונג פון דער פּויליש־אידישער דעלעגאַציע, צוזאַמען מיט דעלעגאַציעס פון אַנדערע לענדער, זיינען אויף דער סעסיע פון קאָנגרעס אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס פאַר שלום, געגן אַטאָמישע פּראָבעס. עס איז באַגריסט געוואָרן דאָס קומען פון פּרעמיער כרושטשעוו׳ן קיין אַמעריקע און די סעסיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר קאָ־עקזיסטענץ. אין די דאָזיגע האַנדלונגען פונם אידישן וועלט־קאָנגרעס זיינען געקומען צום אויסדרוק די שטימונגען פון די אידישע מאַסן אין פיל לענדער.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס עס וואָלט זיך באַקומען אויף דער סעסיע, ווען דאָס וואָרט פון די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן פון אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער וואָלט אויך געהערט געוואָרן. די שטימונג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן פאַר שלום וואָלט נאָך מער געקומען צום אויסדרוק.

עס מוז אָנערקענט ווערן, אַז דער אידישער וועלט־קאָנגרעס ליידט פון אַן ערנסטן, אינערלעכן פעלער, וואָס מאַכט שווערער — ווי מ׳קאָן זיך פאָר־

שטעלן — דאָס באַטייליגן זיך אין אים מצד דעלעגאַציעס פון די סאָציאַליסטישע לענדער. ער איז אין אַ גרויסער מאָס אַ דופּליקאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט אַ פירערשאַפט, וואָס איז צוגעבונדן צו דער שעדלעכער בן גוריון פּאָליטיק. דער פּרעזידענט פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער איז אויך דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דר. נ. גאָלדמאַן, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע סכסוכים מיט בן גוריונ׳ען, איז אויף דער סעסיע אין סטאָקהאָלם געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַרן אדענאַוער־רעזשים, ניט דערלאָזט עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ רעזאָלוציע געגן דער באַוואָפענונג פון מערב־דייטשלאַנד. אין אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז אויסגעדריקט געוואָרן „טיפע זאָרג" וועגן דעם, וואָס „אַמאָליגע נאַצים שטייען ווידער אין שליסל־פּאָזיציעס פון די אַדמיניסטראַטיווע און געריכטלעכע אַמטן אין דער מערב־דייטשער רעפּובליק", איז אָבער דער הויפּט פון דער „רעפּובליק", אדענאַוער, געליובט געוואָרן פאַר אָפּהיטן די שילומים, די צאָלונגען... די סעסיע האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע געגן דעם געווער־אָפּמאַך צווישן דער בן גוריון רעגירונג און דער אדענאַוער־רעגירונג, וואו „אַמאָליגע" נאַצים געפינען זיך אויף שליסל־פּאָזיציעס.

די שעדלעכע ראָל פון דר. נ. גאָלדמאַן איז ערשט געקומען צום אויסדרוק בשעת דער איצטיגער סוואַסטיקאַ־מגפה, ווען ער האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך אַראָפּצונעמען די שולד פון דער זעלביגער רעגירונג מיט „אַמאָליגע" נאַצים אויף וויכטיגע פּאָזיציעס. פאַר דעם, אויף אַ זיצונג פון ציוניסטישן אַקציע־קאָמיטעט אין ירושלים, אין דעצעמבער 1959, האָט ער געמאַכט אַ צוריקטריט פון זיין פריערדיגער פּאָזיציע געגן דער קאַלטער מלחמה און האָט אויסגעדריקט געדאַנקען, אַז כאָטש די קאַלטע מלחמה איז ניט גוט, איז אָבער, הייסט עס, ניט זיכער צי עס וועט זיין בעסער פאַר ישראל ווען זי וועט אָפּגעשאַפט ווערן. דאָ, פאַר דער העכסטער קערפּערשאַפט פון פּאָליטישן ציוניזם, האָט דר. נ. גאָלדמאַן גערעדט וועגן דער קאַלטער מלחמה אַנדערש ווי אין סטאָקהאָלם.

חוץ דעם וואָס ער איז אַ מין דופּליקאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ליידט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס פון אַן אַנדער אינערלעכן פעלער: דיסקרימינאַציעס געגן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער מצד די אָרטיגע קערפּערשאַפטן פון אידישן וועלט־קאָנגרעס — אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס, קאַנאַדער און אזוי ווייטער. בשעת די אָנפירונג פון אידישן וועלט־קאָנגרעס שיקט איינלאַדונגען צו אידישע ישובים אין די סאָציאַליסטישע לענדער, האַלט זי ביי „זיך" אָן די מעטאָדן פון מעקאַרטיזם. דאָס גראָבט אויך אונטער דער באָדן פאַר אידישער איינגקייט אין די פאַרשיידענע לענדער גופא. עס מוז נעמען אַ סוף צו די רעשטלעך פון מעקאַרטיזם אין אידישן לעבן, אַ סוף צו דיסקרימינאַציעס!

אידישע איינגקייט

די פּראָבלעם פון אידישער איינגקייט אין קאַמף געגן נאַציזם־אַנטיסעמיטיזם איז איצט שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדענונג. דאָס קאָן מען זען פון די פאַראייניגטע דעמאָנסטראַציעס אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, געגן דער סוואַסטיקאַ־מגפה. דאָס קאָן מען אויך זען פון געוויסע שטימונגען צווישן אַלגעמיינע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע. די שטימונגען זיינען געקומען צום אויסדרוק אין אַן עדיטאָריעל אויף דער ערשטער זייט פון „טאָג" פון 22טן יאַנואַר אונטער אַ קאָפּ: „אידישע צעריסנקייט אין אַמעריקע אין ערנסטע טעג". דער עדיטאָריעל ווייזט אָן, אַז בשעת אידן אין ענגלאַנד, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער האָבן איינגעאָרדנט דעמאָנסטראַציעס געגן דער סוואַסטיקאַ־מגפה, „האָבן מיר", אין אַמעריקע, „דעמאָנסטרירט צערודערטקייט, די ניט־אָרגאַניזירטקייט פון אַמעריקאַנער אידנטום". ריכטיג האָט געהאַנדלט די פירערשאַפט פון די קלובן און סאָסייעטיס אין אַמעריקע, ווען זי האָט זיך פּאָזיטיוו אָפּגערופן אויף דעם עדיטאָריעל און אָנגעוויזן אויף איר ווענדונג צום פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, דר. יאָאַכים פּרינץ, עס זאָל אָרגאַניזירט ווערן אַ געאייניגטע אידישע אַקציע.

זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז די שטעלונג וואָס דר. פּרינץ האָט אָנגענומען

בשעת דער הוואסטיקא־מגפה, איז אן אנדערע ווי די פון דר. גאלדמאן — א מער פאזיטיווע, געגן נאציזם־אנטיסעמיטיזם אין מערב דייטשלאנד. זאל דא אויך פארצייכנט ווערן דער גרויסער אויפטו פון די קלובן און סאסייעטיס, עמא לאזארום פרויען־פעדעראציע, פעדעראציע פון פוילישע אידן אין אמעריקע און אנדערע פראגרעסיווע קערפערשאפטן, וועלכע האבן פארגעשטעלט מיט זיך די הויפט־קראפט פון דער באוועגונג, וואס האט צושטאנד־געבראכט די דעמאנסטראציע געגן נאציזם־אנטיסעמיטיזם אויף יוניאן סקווער, אין ניו יארק, דעם 26טן יאנואר. די זעלביגע קערפערשאפטן האבן אין אקטאבער 1959 גערופן א מיטינג אין ניו יארק געגן דעם געווער־אפמאך צווישן דער ישראל־רעגירונג און דער אדענאוער־רעגירונג. דאס דארף דערמאנט ווערן צום כבוד פון די דאזיגע ארגאניזאציעס. דערמיט האבן זיי ווידער באוויזן ווי וויכטיג זיי זיינען. דערמיט האבן זיי אויך באוויזן, אז אין קאמף פאר איינינקייט מוז מען אויך האבן אן אייגענע באזע. וואס פעסטער די באזע איז, אלץ מער דערפאלגרייך קאן דער קאמף זיין.

אידישע איינינקייט איז די דרינגענדיגע פאדערונג פונם איצטיגן מאמענט. ווידעראמאל, אזא איינינקייט מיינט ניט, אז מען זאגט זיך אפ פון די אייגענע פרינציפן. דאס הייסט נאר, ווי אין דעם פאל פון זעלבסטשוץ בשעת א פאגראם, אדער ווי דאס איז געווען אין געטא — אז מענטשן פון פארשיידענע ריכטונגען, וואס גייען זיך פאנאנדער בנוגע געוויסע קארדינאלע פראגן, קאנען און דארפן גיין צוזאמען אין פראגן וואס רירן אן אלעמען. און דא איז די סעסיע פונם אידישן וועלט־קאנגרעס אין סטאקהאלם ווידער א ביישפיל. ניט געקוקט אויף דער שווערער לאגע אין וועלכע די פויליש־אידישע דעלעגאציע און אנדערע דעלעגאציעס האבן זיך דארט געפונען, זיינען פארט ארויסגעקומען א ריי פאזיטיווע רעזולטאטן, ווי מיר האבן אנגעוויזן.

ס'איז איצט די אויפגאבע פון יעדן אידן, וועמען די אינטערעסן פון פאלק זיינען טייער, ארויסצוטרעטן פאר אידישער איינינקייט אין קאמף געגן די שונאים פון פאלק, די נאצי־פאשיסטן, די אנטיסעמיטן. מיר, דא, פון דאנען, פון דעם גרויסן צוזאמענפאר פאר דער אידישער ארבעטער און פאלקס־צייטונג „מארגן פרייהייט", וועלכע רופט שוין יארן לאנג צו אזא איינינקייט, רופן יעדן איינעם, אפגעזען פון ריכטונג, צו העלפן ארגאניזירן אידישע איינינקייט, וועלכע זאל באוויזן ארויסצופירן אויף די גאסן פון ניו יארק, שיקאגא, לאס אנדזשעלעס און אנדערע שטעט הונדערטער טויזנטער אידן און ניט־אידן, אין קאמף געגן דער פארשאלטענער סוואסטיקא, אין קאמף אפצושאפן דעם פאר'סמ'טן קוואל אירן — די קאלטע מלחמה.

די אידישע מאסן ווילן איינינקייט, ווילן אקציע! זיי קוקן זיך צו מיט ווייטאג צו דער „אידישער צעריסנקייט אין ערנסטע טעג"! איצט איז דער מאמענט צו מאכן א סוף צו דער צעריסנקייט! מיר ווענדן זיך פון דאנען צו די ברייטע אידישע מאסן אין אמעריקע: נעמט אויף אונזער רוף! זאלן די אידן אין אמעריקע און מאסן ניט־אידן שליסן איין פראנט מיט די גרויסע מאסן, אידן און ניט־אידן, וואס האבן שוין אין פראנקרייך און ענגלאנד געזאגט דאס נויטיגעווארט אין איצטיגן מאמענט! זאל אין וואשינגטאן דאס דאזיגע ווארט אפקלינגען: א סוף זאל נעמען צו דער היטלער־ירושה! אויסגעראמט זאל ווערן די ברוינע פעסט! אפגעשטעלט זאל ווערן די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע דא אין לאנד! אן עק זאל נעמען צו ראסיסטישע דיסקרימינאציעס און צום גאנצן ראסיזם!

מדינת ישראל

מיר קומען צו מדינת ישראל נאכדעם ווי מיר האבן גערעדט וועגן אמעריקאנער און ארבעטער פראבלעמען, וועגן היגן אידישן לעבן, וועגן דער אידישער קולטור און וועגן קאמף פאר איינינקייט. מיר האלטן, אז מדינת ישראל איז איינער פון די אידישע ישובים אויף דער וועלט — און בשום אופן ניט דער צענטער פון אידיש לעבן — א וויכטיגער ישוב מיט וויכטיגע פאזיטיווע שטריכן, אבער איינער פון די אידישע ישובים, צו וועלכע מיר האבן, פארשטייט זיך, א פאזיטיוון צוגאנג.

אונזער צוגאנג צו ישראל איז א פאזיטיווער — און ניט פון היינט אדער

נעכטן. אין אונזער באריכט צום 30טן יובילײ פון דער „מאָרגן פרײהײט“, מיט אכט יאָר צוריק, האָבן מיר געזאָגט: „אונזער שטעלונג צו מדינת ישראל האָט זיך ניט געביטן זינט דער צײט װען מיר האָבן געקעמפט פאַר א געהעריגער לײזונג אין דער יו״ען, געזוכט צו מאָביליזירן הילף אין דער מלחמה, װאָס מ'האָט אויף ישראל ארויפגעצוואונגען“. מישט דורך די בלעטער פון דער „מאָרגן פרײהײט“ אין אָנהויב פון די 40־גער יאָרן, נאָך אײדער די יו״ען האָט זיך געגרינדעט, װעט איר זען װי מיר האָבן ארויסגערוקט דעם לאָזונג, אז נאָר די גרויסע מלוכות צוזאמען מיט'ן סאָװעטן־פאַרבאַנד קאָנען די (דע־מאָלטדיגע) פאלעסטינע־פראַגע לײזן. די ציוניסטישע פירער האָבן זיך דעמאָלט געהאַלטן אָן דער אזױ־גערופענער בילטמאָר־פּראָגראַם, לויט װעלכער פאלעס־טינע האָט געדאַרפט װערן א טײל פון דער בריטישער קאָמאָנװעלט. אפילו װען עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פאַרהערן פאַר דער יו״ען זײנען ציוניס־טישע פירער בראש מיט דר. חיים װײצמאַן ארויסגעטראָטן פאַר א קאָמאָנ־װעלט־לײזונג.

מיר האָבן געשטיצט דעם קאַמף פאַר דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל און פאַרן זיג פון ישראל אין דער מלחמה פון 1948. מיר האָבן געהאַלטן און האַלטן עד היום, אז דאָס איז געװען א פּראָגרעסיװער, אנטי־אימפּעריאַליס־טישער קאַמף, פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיגקײט פון דעם פאָלק אין ישראל. דאָס האָבן מיר אונטערגעשטראָכן אויך אין אונזער באריכט מיט דרײ יאָר צוריק. מיר האָבן אָנגעװיזן, אז די „מאָרגן פרײהײט“ הערט ניט אויף ארויס־צורוקן דעם לאָזונג: ישראל איז געקומען צו פאַרבלײבן! מיר האָבן צוגעגעבן: „דאָס מוז קלאָר געמאַכט װערן פאַר אַלע גרויסע מלוכות און באַזונדער פאַר די אראַבישע מלוכות, אז ישראל איז דאָ און װעט זײן!“

עס װעט ניט זײן גענוג בלויז צו זאָגן, אז מיר האָבן א פּאָזיטיװן צוגאַנג צו ישראל. איך דערװעג זיך צו דערקלערן, אז ערשט מיר האָבן באמת א פּאָזיטיװן צוגאַנג! אין דעם האָב איך זיך איבערצײגט אויף מײן באַזוך אין ישראל מיט ארום א האַלב יאָר צוריק. אונזער פּאָזיטיװער צוגאַנג דריקט זיך אויס אין דעם, װאָס מיר זעען קודם כל און איבער אַלץ — דאָס פאָלק פון ישראל, דאָס אַרבעטנדיגע פאָלק, און נעמען זיך צום האַרצן פון זײנע שװערע פּראָבלעמען. ישראל איז פאַר אונז ניט א מיטל צו באַרואיגן דעם געװיסן, יוצא צו זײן פאַר אידישקײט דורך געבן א טשעק, קויפן באָנדס און אויסהערן סענטימענטאַלע „עקזאָדוס“־באריכטן. מיר װילן זען א געזונט און בליענדיג ישראל, א זעלבשטענדיג ישראל, א פּראָגרעסיװ ישראל, טאַקע לויט די אָנזאָגן פון די סאָציאַלע נביאים — א לאַנד פון סאָציאַלן און נאַ־ציאָנאַלן יושר!

אמת'ע פרײנטשאַפט צו ישראל

אמת'ע פרײנט פון ישראל קאָנען ניט גלײכגילטיג צוזען די שעדלעכע מעשים פון דער בן גוריון רעגירונג, קאָנען ניט זײן גלײכגילטיג צום פאַקט, װאָס די אדענאַוער־שילומים און דער געװער־אָפּמאַך מיטן אדענאַוער־גלאָבקע רעזשים, אומגעהויער שעדלעך און שענדלעך פאַר־זיך אלײן, טראָגן אויך ארײן דעמאָראַליזאַציע צװישן טײלן פון דער ישראל־יוגנט, טעמפּן אָפּ זײערע געפילן בנוגע דער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן אידן. די דעמאָראַליזאַציע האָט געהאָלפן ברענגען אין ישראל גופא צו א מגפה פון סװאַסטיקאַס, װי ס'איז איבערגעגעבן געװאָרן אין „אידישן קעמפער“, אָרגאַן פון די פועלי ציון, דעם 22טן יאַנואַר. אמת'ע פרײנט פון ישראל קאָנען ניט גלײכגילטיג צוזען װי די טעאָקראַטיע באַפעסטיגט זיך אַלץ מער אויף די פּלײצעס פון די ישראל־מאַסן, װי די קיבוצים מאַטערן זיך אונטערן יאָך פון פּראָצענטניקעס, קאָנען ניט גלײכגילטיג צוזען די דיסקרימינאַציעס געגן דער אראַבישער מינדערהײט.

אויף נאָך און נאָך פאַקטן װאָלט מען געקאָנט אָנװײזן, אויף װעלכע אמת'ע פרײנט פון ישראל מוזן לײגן אכט. אָבער זאָל נאָך אונטערגעשטראָכן װערן: אמת'ע פרײנט פון ישראל מוזן זיך באַמיען, אז ישראל זאָל גײן האַנט אין האַנט מיט די פעלקער פון אזיע און אפריקע פאַר זײער באַפרײאונג! אמת'ע פרײנט מוזן קעמפן פאַר א געזיכערטן שלום, כדי ישראל זאָל זײן געזיכערט אין א װעלט פון שלום!

ישראל האָט פאַרצייכנט גרויסע דערגרייכונגען. אַרום אַ מיליאָן אידן, פיל פון זיי פאַרפאָלגטע און פאַרוואָגלטע, זיינען זינט 1948 אריינגעקומען. עס איז אַ סך אויפגעבויט געוואָרן. און דאָ איז ניט די פראַגע אויף וועמענס חשבון דאָס ווערט געטאָן, — דאָס הייסט, אַז דאָס ווערט געטאָן אויף מיטלען פון דרויסן, אָדער אויפן חסד פון גבירים־אדירים, וואָס ווילן, אַז זייערע נעמען זאָלן רעקלאַמירט ווערן אין ירושלים, תל אָביב און אַנדערע ערטער, ניט רעכענענדיג זיך צייטנווייז צי די געביידעס וואָס זיי בויען, פאַסן זיך אריין אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד, זיינען אפשר צו לוקסוריעז, פאַרשווענדעריש, בשעת גרויסע מאַסן ליידן נויט. דער פאַקט איז פאָרט, אַז דאָס האָבן אידישע אַרבעטער, אינזשענערן, טעכניקער אויסגעבויט די אַלע געביידעס און הייזער־קוואַרטאַלן און קאָלאָניעס. עס זיינען פרוכטבאַר געמאַכט געוואָרן ווייסט־זאַמדיגע געביטן. אין ישראל איז דעמאָנסטרירט געוואָרן, ווי דאָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אויף אַן אַנדער שטייגער אין אַמעריקע, אָפגערעדט שוין אין די סאָציאַליסטישע לענדער, אַז אידישע אַרבעטנדיגע קאָנען בויען!

דער אידישער ישוב אין ישראל פאַרמאָגט אַ וויכטיגן שטריך, וואָס אַנ־דערע ישובים פאַרמאָגן ניט. עס איז פאַראַן אַ ישראל־נאַציע. אמת, דאָס איז ניט קיין דורכאויס אידישע נאַציע. די אַראַבער אין ישראל, אַרום צען פראָצענט — אַרום 200 טויזנט אין אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן — זיינען אויך ישראלים, אויב אַפילו זייער בירגער־רעכט איז באַגרעניצט. אָבער די איבערוועגנדיגע מערהייט איז אַ אידישע אין דער דאָזיגער ישראל־נאַציע. דאָ איז אויך אַנטיסעמיטיזם קיין פּראָבלעם ניט (די אַראַבער זיינען אויך סעמיטן). די מאָמענטן דאַרף מען אָפּשאַצן. אָבער ריכטיג האָט פאָרט געזאָגט דער פאַרשטאָרבענער פועלי ציון פירער חיים גרינבערג: מלוכה צוליב מלוכה איז ניט גענוג. די פראַגע איז צי דאָס איז אַ מלוכה פון סאָציאַלן יושר!

אונזער קריטיק בנוגע ישראל איז ווי אונזער קריטיק בנוגע אונזער לאַנד אַמעריקע. מיר זיינען ניט צופרידן מיט סתם בויאונגען. מיר ווילן וויסן ווי דאָס רופט זיך אָפּ אויפן לעבן פון די מאַסן. אָבער צוזאַמען מיט אַלע נעגאַ־טיווע זאַכן, אויף וועלכע מיר ווייזן אָן — און זיי זיינען ליידער דאָ אַ סך — מוז מען געדענקען: ניט ישראל איז שולדיג אין דעם און אודאי ניט דאָס פאָלק פון ישראל! שולדיג איז דער רעזשים! אַ רעזשים קאָן און דאַרף און מוז באַזייטיגט ווערן — דאָס פאָלק בלייבט און אים דאַרפן מיר העלפן.

מדינת ישראל האָט רעכט — און אויך פליכטן

מיר דאַרפן העלפן דעם פאָלק פון ישראל. די הילף מוז זיך קודם אויס־דריקן אין אונזער פּאָליטישער שטעלונג. אַלע ריזיגע סומען קאָנען ניט העלפן — און העלפן טאַקע ניט — באַזייטיגן די שוועריגקייטן, פאַר וועלכע די ישראל־מאַסן שטייען. גערעכט איז דזשעימס וואַרבורג, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שטיצן דעם „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" אַזוי לאַנג ווי די סומען פון דעם אַפּיל העלפן די בן גוריון רעגירונג, וועלכע פירט, לויט דזש. וואַרבורג'ס ריכ־טיגער אָפּשאַצונג, אַ פּאָליטיק געגן די אינטערעסן פון פרידן. מיט אַלע ריזיגע סומען, וואָס ישראל האָט געקראָגן זינט 1948 — און די סומען זיינען בשעת דער לעצטער וואָל־קאַמפּאַניע געשאַצט געוואָרן אין **פיר ביליאָן** דאָלאַר, אַ פאַנטאַסטישע סומע פאַר אַזאַ קליין לאַנד — געפינט זיך דאָך איצט ישראל אין פּאָליטישער איזאָלאַציע, ווי דר. גאָלדמאַן האָט דער־קלערט אויף דער זיצונג פונם אַקציע־קאָמיטעט אין ירושלים אין דעצעמ־בער 1959.

עס מוז געמאַכט ווערן אַ סוף צום צוגאַנג, אַז ישראל איז אַ „פאָרפּאָסטן פון מערב" אין אַזיע — וואו דער מערב איז פאַרהאַסט! ישראל מוז גיין צוזאַמען מיט די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע! איז דער יו־עס מוזן די ישראל־פאַרשטייער שטימען פאַר די פעלקער, געגן קאָלאָניאַליזם און אימ־פּעריאַליזם! עס מוז אָפּגעבראָכן ווערן דער שענדלעכער געווער־אָפּמאַך מיט די נעאָ־נאַצים פון באָן! ישראל מוז פירן אַ פּאָליטיק פון נייטראַליטעט, פון פרייטשאַפט סיי מיט'ן מזרח און סיי מיטן מערב! עס מוז אויפהערן די אַנטי־סאָוועטישע העצע מצד בן גוריון'ען, מצד דער בן גוריונ'שער ישראל־פּרעסע און ראַדיאָ!

די רעכט פון ישראל דאַרפן פאַרטיידיגט ווערן. דאָס שליסט איין די רעכט פון פרייער נאַוויגאַציע דורכן סועץ קאַנאַל. די „מאָרגן פרייהייט" איז פיל מאָל אַרויסגעטראָטן פאַר דעם, ווי זי איז אַרויסגעטראָטן געגן דעם באָיקאָט אויף ישראל, אָן וועלכן דער פּלאָט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסן. ישראל האָט אַ רעכט זיך צו אַנטוויקלען, זיך פאַרנעמען מיט פרידלעכער בויאונג. אָבער עס זיינען ניטאָ קיין רעכט אָן פליכטן. דער לאָזונג, אַז ישראל איז אַ פאַרפאָסטן פון מערב גראָבט אונטער די רעכט. פונקט אַזוי זיינען אַלע שיינע ווערטער וועגן שלום מיט די שכנים גאָרניט ווערט אַזוי לאַנג ווי די דיסקרימינאַציעס בנוגע די אַראַבער אין ישראל גופא הערן ניט אויף (כמעט אַלע פּאַרטייען אין ישראל זיינען געגן דעם, אָבער די בן גוריון רעגירונג וויל פון קיין זאַך ניט הערן)

די בעסטע און ווירקזאַמסטע הילף פאַר ישראל איז פּאָליטישע הילף, קאַמף פאַר שלום. אָבער דאָס שליסט בשום אופן ניט אויס הילף, וואָס זאָל זיין אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, מיט די קיבוצים וואָס ליידן און ווערן פאַרפאַלגט. אַזאַ איז די הילף פאַר די קינדער־היימען אין ישראל מצד דער עמאַ לאַזאַרוס פעדעראַציע, מצד די קלובן און סאָסייעטיס; די הילף פון די בריינין קליניק קאָמיטעטן דאָ אין לאַנד פאַר'ן בריינין קליניק אין ישראל; אויך די הילף פאַרן קיבוץ יד חנה, וואָס ווערט פאַרפאָלגט, איז הילף פון אַזאַ סאָרט.

עס פאַרשטייט זיך, אויף וויפיל דער טראָפּ פון אונזער אַרבעט מוז געשטעלט ווערן, ווי מיר האָבן געזען, אויף בויען אַ געזונט אידיש לעבן דאָ אין לאַנד, איז קלאָר, אַז די דאָזיגע הילף־אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן אין איינקלאַנג מיט די באַדינגונגען אין וועלכע מיר געפינען זיך, כדי די היגע אַרבעט און אינסטיטוציעס זאָלן ניט געשטערט ווערן. עס איז געוואונטשן צו דערגרייכן מיט דער הילף־אַרבעט עלעמענטן אויסער די רייען פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אויף אַזאַ אופן אויך צווישן אַנדערע עלע־מענטן איינפלאַנצן אַ געזונטן צוגאַנג צו דער פראַגע פון מדינת ישראל.

פאַראַן פּראָגרעסיווע מענטשן וואָס זייער מאַטעריעלע הילף פאַר ישראל דריקט זיך אויס אין אַנדערע פאָרמען, ווי די קינדער־היימען, אָדער בריינין־קליניק. די חילוקי דעות מיט זיי אויף דעם געביט דאַרף אין קיין שום פאַל ניט זיין קיין שטערונג פריינטשאַפטלעך מיטצואַרבעטן מיט זיי לטובת פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס

די ראָל פון ציוניזם

ביים קומען אין קאָנטאַקט מיט די אָנהענגער פון יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל, ווי מיט ציוניסטישע אָנהענגער, ביים אויפקלערן זיי וועגן די פראַגן, וועגן דער ראָל פון דער בן גוריון רעגירונג, דאַרף מען אינזינען האָבן, אַז זייער שטרעבונג איז קודם כל צו העלפן ישראל. דער פּאָליטישער ציוניזם גייט זיי אָפּט ווייניג אָן און מיט דער פּאָליטיק פון דער בן גוריון רעגירונג זיינען זיי אפשר ניט מסכים. מ'דאַרף זיי אויפקלערן וועגן די פראַגן, אָבער אַפילו דאָס פאַנאַנדערגיין זיך מיט זיי דאַרף ניט שטערן מיטצואַרבעטן מיט זיי אין פראַגן, אין וועלכע מען איז צוזאַמען פאַראינטערעסירט, ווי די פראַגן פון אַנטיסעמיטיזם און מלחמה.

ס'איז אונז שוין אויסגעקומען צו אָנווייזן מיט דריי יאָר צוריק, אַז עס דאַרף געמאַכט ווערן אַן אונטערשייד צווישן די נאָכפאָלגער פון ציוניזם און די פירער און אויך צווישן פירער און פירער. מיר הערן צייטנווייז פון אַזעלכע ציוניסטישע פירער, ווי ראַבאַי הלל סילווער, דערקלערונגען געגן דער קאַלטער מלחמה, פאַר קאָ־עקזיסטענץ, אויב אַפילו ניט אַלע מאָל אויף אַן אויסגעהאַל־טענעם שטייגער. אין דער זעלביגער צייט מוז אָבער קלאָר זיין, אַז די ראָל פון פּאָליטישן ציוניזם איז אַ שעדלעכע.

די ליניע פון פּאָליטישן ציוניזם שטערט דאָס בויען דאָ אין אַמעריקע אַ געזונט אידיש לעבן. לויט דער ליניע זוכט מען צו האַלטן די אויפמערק־זאַמקייט פון די מאַסן כסדר אויף „דאָרטן", אויף ישראל. פּאַקטיש אָדער פּראָגראַמאַטיש'איז דער ציוניזם געגן דער אידישער קולטור, געגן אידיש. דער עיקר מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן די ראָל פון פּאָליטישן ציוניזם אינם צובינדן ישראל צום סטעיט־דעפּאַרטמענט.

די ציוניסטישע באַוועגונג אומעטום, בפרט אין אַמעריקע, גייט דורך אַ שווערן קריזיס. דער לאָזונג „קיבוץ גלויות" איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט. אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן אָפיציעל געמוזט דער־קלערן, אַז אַמעריקע איז די היים פון די אַמעריקאַנער אידן. זיי ווערן כסדר באַפאַלן פון גוריון'ען, וועלכער ווייזט אָן אויפן באַנקראָט פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט ער געשטעמפּלט די ציוניסטן וואָס פאָרן ניט באַזעצן זיך אין ישראל, ווי אַסימילאַטאָרן. אָבער ניט געקוקט דערויף וואָס בנוגע אַמעריקע און געוויסע אַנדערע לענדער איז דער לאָזונג „קיבוץ גלויות" אויפגעגעבן געוואָרן, זוכט מען אים אָבער מיט אַלע מיטלען צו אָנווענדן בנוגע די סאָציאַליסטישע לענדער, — לויט אַן אַנדער לאָזונג אפשר, „יציאת אייראָפּע", אָדער יציאת פּוילן, רומעניע, סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ גייען זיך די מייסטע ציוניסטישע פירער צונויף מיט בן גוריון'ען.

פאַרלוימדונגען אויפן סאָוועטן - פאַרבאַנד

דאָס איז איינע פון די סיבות פאַר דעם פאַרשאַרפטן אַנטי־סאָוועטיזם זייערן. ניט ביי אַלעמען אין דער זעלביגער מאָס און מיט געוויסע אויסנאַמען. דאָס דאַרף מען געדענקען. למשל, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פראַנקרייך, אַנדרעי בלומעל, האָט מער ווי איינמאָל געשטעמפּלט דעם אַנטי־סאָוועטיזם און אַנטי־קאָמוניזם ווי אַן אומגליק. ער איז געווען דער פאָרזיצער אויף דער אידישער וועלט־קאָנפערענץ אין פאַריז, אין 1955, געגן דער באַוואָפענונג פון מערב דייטשלאַנד. די אויסנאַמען, אויך אפשר דאָ אין לאַנד, דאַרף מען געדענקען, אָבער דער כלל איז — אַנטי־סאָווע־טיזם. דאָס דרינגט אַרויס פון דעם מיטאַרבעטן מיטן סטעיט־דעפּאַרטמענט און מיט אַדענאַוער'ן. צוזאַמען דערמיט פירט דער לאָזונג „קיבוץ גלויות", אָדער „יציאה" — ווי אויך דזשעיקאָבס וואַרבורג האָט אָנגעוויזן — צו קינסטלעכע „עמוירדזשענסים", דאָ בנוגע די רומענישע אָדער פּוילישע אידן און אַלע מאָל בנוגע די סאָוועטישע אידן. לויט דער ליניע קומט פאַר די העצע וועגן כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אפילו ווען איך וואָלט ניט געהאַט די געלעגנהייט ניט לאַנג צוריק צו פאַרברענגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, צען וואָכן צייט, וואָלט איך פעסט געקאָנט שטעמפּלען די בלבולים, ווי דאָס וואָס זיי זיינען — בלבולים! אָבער אויפן גרונט פון דער ווירקלעכקייט, מיט וועלכער איך בין געקומען פּנים אל פּנים בשעת מיין באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דערקלער איך דאָ, אַז יעדע באַשולדיגונג געגן דער סאָוועטן־רעגירונג און סאָוועטישע אינסטיטו־ציעס אין אַנטיסעמיטיזם מוז מיט צאָרן צוריקגעשליידערט ווערן פון אַלע אָרנטלעכע מענטשן! דאָס איז קאַלטע מלחמה פּראָפּאַגאַנדע!

אויב עס זיינען נויטיג געווען באַווייזן, האָבן מיר זיי געהאַט נאָך־וואָס, אין די אַרויסטריטן אין דער סאָוועטישער פּרעסע בשעת דער סוואַסטיקאַ־מגפה און — וואָס איז גאָר וויכטיג — אין די דערקלערונגען פונם הויפּט פון דער סאָוועטן־רעגירונג, פּרעמיער כרושטשעוו, אין זיין רעדע פאַרן סאָוועטישן פּאַרלאַמענט דעם 14טן יאַנואַר. ער האָט פאַרדאַמט די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן און דעם גאַנצן היטלעריזם און זיך פאַררופן אויפן היסטאָרישן קאַמף פון לענינ'ען און די באָלשעוויקעס בכלל געגן אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען.

אין מיינע אַרטיקלען, קעיבלס און פאַרשיידענע באַריכטן, וואָס איך האָב צוגעשיקט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אין די אַרטיקלען פון אונזער מיטאַרבעטער אברהם ביק, וואָס איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נאָך־וואָס געווען, ווי אין די בריוו און נייעס־באַריכטן פון אונזער שטענדיגן סאָוועטישן קאָ־רעספּאָנדענט, ס. ראַבינאָוויטש, זיינען די בלבולים צוריקגעשליידערט געוואָרן און ווערן צוריקגעשליידערט מיט דער הילף פון פאַקטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. די „מאָרגן פרייהייט" — און נאָר די „מאָרגן פרייהייט", צווישן אַלע טעגלעכע און וועכנטלעכע אידישע און אידיש־ענגלישע צייטונגען דאָ אין לאַנד — ווייזט כסדר אָן אויף דער ראָל פון אידן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג,

אין דער אינדוסטריע און קולטור, אויף דעם אָרט זייערן אין די אויסצייכענונגען, לענין־פּרעמיעס. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן די דערקלערונג פון פּרעמיער כרושטשעוו בשעת זיין באַזוך דאָ אין אַמעריקע, אַז אידן פאַרנעמען אַן ערנהאַפטן אָרט אין אַנטוויקלען די ספּוטניקעס און ראַקעטן.

פּרעמיער כרושטשעוו האָט אָבער אויך געזאָגט, ביי אַן אַנדער געלעגנהייט — און איך ציטיר פון זיין רעדע אויפן שרייבער־צוזאַמענפאָר אין מאַי 1959 — אַז „מיר פּרעטענדירן בשום אופן ניט, אַז מיר זיינען פּטור געוואָרן פון אַלע איבערבלייבענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט". דער סאָוועטן־פאַרבאַנד דאַרף באַטראַכט ווערן ניט ווי עפּעס אַ אוטאָפּיע, וואו אַלץ איז שוין געלייזט, נאָר ווי אַ לאַנד וואו עס ווערט געבויט די נייע געזעלשאַפט, דער קאָמוניזם, אין געראַנגל מיט אַלערליי איבערבלייבענישן און מיט איינפלוסן און סאַבאָטאַזש־אַקטן פון דרויסן, פון באַנדעס אין מערב־דייטשלאַנד און אויך אין אַמעריקע, אַנטיסעמיטישע און בכלל קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס. לאָמיר געדענקען: די קאַלטע מלחמה דריקט זיך אויס אין מעשים, ניט נאָר אין טעאָריעס. און אין דער ירושה פון פריער זיינען געווים דאָ אַנטיסעמיטישע איבערבלייבענישן פון די צאַרישע צייטן, פון דער נאַצישער אָקופּאַציע־צייט, פון דעם בעריא־פּעריאָד און דעם טרויעריג־באַרימטן דאָקטוירים־פּראָצעס, — איבערבלייבענישן וואָס דאַרפן באַזייטיגט ווערן און ווערן באַזייטיגט דורך דער בויאונג פון אַ נייער אָרדענונג, דורך דער קולטור־רעוואָלוציע, וועלכע קומט פאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, דורך איבערזעצונגען פון דער אידישער ליטעראַטור, אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן, שלום עליכם פּייערונגען — אַלץ מצד דער מלוכה — און אַנדערע מיטלען. אַזעלכע דערקלערונגען ווי די וואָס פּרעמיער כרושטשעוו האָט נאָר־וואָס געמאַכט פאַרן סאָוועטישן פאַרלאַמענט, האָבן אַ גרויסע באַדייטונג אויך פאַר אונז, אין קאַמף געגן די קאַלטע מלחמה לייט. יעדער עפנטלעכער אַרויסטריט פון אַזאַ כאַראַקטער, יעדער אַרויסטריט אין דער סאָוועטישער פּרעסע, געגן אַנטיסעמיטיזם, איז אַ גרויסע הילף אין קאַמף געגן דער קאַלטער מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע.

אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

די קאַלטע מלחמה־לייט באַנוצן זיך אויך זייער שטאַרק מיט'ן ענין אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ס'איז קלאָר, אַז זיי גייט די קולטור ניט אָן. זיי האָבן, ווי באַוואוסט, אַלע מאָל געזוכט זי אַרונטערצורייסן, ווייל זי איז געווען געצילט געגן זיי, — איז געצילט געגן זיי! די אויפלעבונג פון דער אידישער קולטור וועט זיין פאַר זיי דער גרעסטער אומגליק. דערפאַר פאַרשווייגן זיי אַלע דערגרייכונגען די לעצטע צייט, ווי דאָס אַרויסגעבן, נאָר־וואָס, די בענד פּרץ און מענדעלע אין אידיש, ווי אַנדערע דערגרייכונגען.

די „מאָרגן פרייהייט" פאַרצייכנט די דערגרייכונגען און דריקט אויס די שטימונגען פון די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן דאָ אין לאַנד, זייער פאַרלאַנג וואָס גיכער צו זען אַן אויפלעבונג פון דער סאָוועטיש־אידישער קולטור. דאָס איז אויך דער אָפן־אויסגעדריקטער פאַרלאַנג פון פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן אין אַנדערע לענדער. מיר זיינען וואַכזאַם צו אַלץ וואָס איז שוין געטאָן געוואָרן אויפן געביט פון דער סאָוועטיש־אידישער קולטור. אַהער גייען: אַריין די נאָר־וואָס דערמאָנטע שלום עליכם פּייערונגען, דער שלום עליכם באַנד אויף אידיש, ווי די בענד, אין אידיש, פון י. ל. פּרץ און מענדעלע מוכר ספרים, די מאַסן איבערזעצונגען פון דער אידישער ליטעראַטור אויף רוסיש און אַנדערע שפּראַכן, די אַלץ מער שטייגנדיגע צאָל קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען, ווי מיר האָבן עס די טעג געזען פון קאָרעספּאָנדענצן אין דער „מאָרגן פרייהייט" פון ווילנע און מאָסקווע און דורך פאַרשיידענע אַנדערע פאָרמען. מיר באַגריסן אויך דאָס קומען פון נחמה ליפשיץ און אַנדערע סאָוועטיש־אידישע קינסטלער קיין פּאַריז און ווין, צו געבן אידישע קאָנצערטן און האָפן זיי איינגיכן צו זען ביי אונז אין אַמעריקע. מיר האָבן אויך מיט פרייד אויפגענומען די שאַפונגען פון דעם סאָוועטיש־אידישן קינסטלער תנחום קאַפּלאַן.

מיר קוקן אויס אויף די ווערק פון די סאָוועטיש־אידישע שרייבער אויף

אידיש, די היינטצייטיגע ווי די פאַרשטאָרבענע און אומגעקומענע. מיט זייערע ווערק האָבן זיך אידישע לייענער דאָ אין לאַנד אַלע מאָל געשפּייזט. מיר קוקן אויס אויף אַ שנעלערן אימפּעט אין דער אויפלעבונג פון דער סאָוועטיש־אידישער קולטור, אויף דער אויפלעבונג פון אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אומגעזעצלעך אָפּגעשאַפט געוואָרן, — אינסטיטוציעס מיט וועלכע מיר דאָ און פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס קומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף באַזוך, זאָלן קאָנען זיין אין קאָנטאַקט. עס איז אוממעגלעך, אַז די סינאַגאָגע זאָל זיין דער אדרעס פון די סאָוועטישע אידן.

מיט דריי יאָר צוריק האָבן מיר אָנגעוויזן אויפן שווערן קריזיס וואָס איז באַלד נאָכ׳ן 20טן קאָנגרעס געשאַפן געוואָרן און ווי אַזוי די „מאָרגן פרייהייט" האָט דורך איר שטעלונג אין דער פראַגע פון דער סאָוועטיש־אידישער קולטור מיטגעהאָלפן, אַז די באַזע פון די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן זאָל אָפּגעהיט ווערן. די „מאָרגן פרייהייט" גופא איז אָפּגעהיט געוואָרן! דערמיט זיינען אָפּגעהיט געוואָרן וויכטיגע פּאָזיציעס אין קאַמף פאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ!

זאָל נאָר נעמען אַ סוף צו דער קאַלטער מלחמה!

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנג פון דער צייט האָט געמוזט אריינטראָגן ענדערונגען אין דעם צוגאַנג צו דער פראַגע. ערשטנס, איז געמאַכט געוואָרן אַ געוויסער פאָרשריט בנוגע דער סאָוועטיש־אידישער קולטור, ווי פּאַמעלעך ער זאָל ניט זיין. צווייטנס, ס׳איז פאַראַן אַ כלל, אַז קוואַנטיטעט קאָן איבערגיין אין קוואַליטעט. דאָס כסדר׳דיגע קלאַפּן אויף דער פראַגע קאָן שאַפן אַ שטימונג, וואָס קיין אמת׳ער קעמפער פאַר שלום טאָר ניט ווילן שאַפן. איצט שטייט די פראַגע אין אַ גאַנץ אַנדער סטאַדיע: ביי געלעגנהייטן — און איצט איז אַזאַ געלעגנהייט — אויסדריקן די שטימונגען פון די פּראָגרעסיווע אידישע מאַסן. איבער אַלץ דאַרף מען אינזינען האָבן, אַז אין דער ערשטער ריי שטייט איצט די פראַגע: פטור צו ווערן פון דער קאַלטער מלחמה.

קיין זאַך טאָר ניט געטאָן ווערן אריינצוטראָגן אַ דיסאָנאַנס אין דעם קאַמף, וואָס וועט אַ סך פראַגן אַנטשיידן, אויך די פראַגע וועגן דער סאָוועטיש־אידישער קולטור — דעם קאַמף פאַר שלום, בנוגע וועלכן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שפּילט איצט אַזאַ אַנטשיידנדיגע ראָל! מיליאָנען אַמעריקאַנער האָבן איצט אָנגעהויבן די ראָל בעסער צו פאַרשטיין. זיי האָבן זיך געפרייט — און מיר צוזאַמען מיט זיי — מיט די באַזוכן פון די מאָיסעיעוו־טענצער און די אַלערלייי קינסטלער און קינסטלער־גרופּן, און באָלשאָי, און דעם מאָסקווער סימפאָנישן אָרקעסטער. אַמעריקאַנער קינסטלער, סימפאָנישע אָרקעסטערס, זיינען געפאָרן און פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס שטאַרקט זיך דער קולטור־אויסטויש און עס פאַרבעסערן זיך אין פיל פּרטים די באַציאונגען צווישן אונזער לאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַן אַנטשיידנדיגע באַדייטונג האָט געהאַט דער באַזוך פון פּרעמיער כרושטשעוו׳ן ביי אונז אין לאַנד. מיר, לאַנגיאָריגע קעמפער פאַר קאָ־עקזיסטענץ, לאַנגיאָריגע פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פרייען זיך מיט די דאָזיגע אַנטוויקלונגען און קיין שום זאַך טאָר ניט געטאָן ווערן וואָס זאָל אין דעם איצטיגן, אַנטשיידנדיגן מאָמענט, שלעכט פאַרשטאַנען ווערן

זאָל נאָר נעמען אַ סוף צו דער קאַלטער מלחמה! דאָס קאָן עפענען נייע האָריזאָנטן אויך אויפן געביט פון קאָנטאַקט צווישן פּראָגרעסיווע אידישע שרייבער און קולטור־טוער אין אַמעריקע און אידישע שרייבער און קולטור־טוער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, — קאָנטאַקט און אויסטויש, באַזוכן איינער דעם אַנדערן, זיך בעסער פאַרשטיין.

מיט פרייד נעמען מיר אויף דעם גרוס פון די סאָוועטיש־אידישע שרייבער צום היינטיגן צוזאַמענפאָר! זאָל דאָס זיין אַן אָנהויב פון גרעסערן קאָנטאַקט!

מיר נעמען אויף מיט פרייד די באַגריסונג פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די אידן אין פּוילן! מיט נעמען אויף מיט פרייד די באַגריסונג פון די אידן אין רומעניע, פון אידישן טעאַטער אין יאַס, די באַגריסונג פון דער גרויסער פּראָגרעסיווער מאַסן־אָרגאַניזאַציע אין פראַנקרייך, „אוניאָן", פון דער דאָרטיגער פּראָגרעסי־

ווער אידישער פאָלקס־צייטונג, „נייע פרעסע", די באַגריסונג פון „פריי ישראל" אין תל אָביב, „אונזער פריינט" אין בראַזיל און אַנדערע אויסגאַבן און אינסטיטוציעס אין אויסלאַנד. מיר נעמען מיט פרייד אויף דעם ספּעציעלן שליח פון דעם קאַנאַדער „וואָכנבלאַט" אין טאָראָנטאָ, דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער י. גערשמאַן!

די „מאָרגן פרייהייט"

עס ווערט איצט 90 יאָר זינט די אידישע פרעסע אין אַמעריקע איז געבאָרן געוואָרן, מיט דער דערשיינונג פון „די ידישע צייטונג" אין 1870, אין ניו יאָרק. זינט דעמאָלט האָבן אַ ריי אידישע צייטונגען פאַרצייכנט אַ סך הערלעכע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון 90 יאָר אידישע פרעסע. אָנהויבנדיג מיט דער „אידישער פאָלקס־צייטונג", מיט דער „אַרבייטער צייטונג" און דעם „אבענד בלאַט" זיינען די צייטונגען געווען סאָציאַליסטישע, אָדער סאָציאַליסטיש־געשטימטע. מיט אַלע זייערע חסרונות — און דאָס שליסט אויך איין דעם „פאָרווערטס" אין געוויסע פּעריאָדן — האָבן זיי געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל, מיטגעהאָלפן די אידישע אַרבעטער אין זייער קאַמף געגן סוועט־שאַפּ, ביים בויען יוניאָנס, דעם אַרבעטער רינג און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, מיטגעהאָלפן אין די אַקציעס געגן די פּאָגראָמען אין אַלטן רוסלאַנד, פאַר שטיצן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

זינט דעמאָלט זיינען אַ סך וואַסערן אַוועק. די איצטיגע איסט בראָדוועיער צייטונגען ווייסן ניט פון קלאַסן־קאַמף, פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פון סאָציאַליזם. זיי שטייען ליידער אויף די פּאָזיציעס פון דער קאַלטער מלחמה. זיי שטייגן איבער אין אַנטי־סאָוועטישע בלבולים די אַלגעמיינע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען. ווי זיי האָבן געהאַנדלט בשעת דעם באַזוך פון פּרעמיער כרושטשעוו דאָ איז גוט באַקאַנט. אין אידישן לעבן זוכן זיי איינצופלאַנצן אָבסקוראַנטיזם, ניט־רעליגיעזע פרעדיגן „רעליגיע". עס הערשט אַ מעקאַרטישע שטעלונג צו פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען. און אָט איז אַ פאַקט פון די לעצטע טעג: בשעת די אַלגעמיינע פרעסע האָט ווי עס איז באַריכטעט וועגן דער דעמאָנסטראַציע אויף יוניאָן סקווער געגן נאַציזם־אַנטיסעמיטיזם, דעם 26טן יאַנואַר, האָט די איסט בראָדוועיער פרעסע וועגן דעם געערדט וואָס ווייניגער. דער בלבול, אַז „קאָמוניסטן" זיינען גאָר שולדיג אין דער אַנטיסעמיטישער מגפה איז ליידער פון די אידישע צייטונגען אויפגעכאַפּט געוואָרן מער ווי פון די אַלגעמיינע. מיט ווייטאָג מוז מען אונטערשטרייכן די אַלע אַנטוויקלונגען.

דאָס שעפּט ווייט ניט אויס די כאַראַקטעריסטיק פון דער איסט בראָדוועיער פרעסע, אָבער אַפילו נאָר די פאַקטן שטרייכן די אומגעהויער וויכטיגע ראָל פון דער „מאָרגן פרייהייט"

מ'קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז די „מאָרגן פרייהייט" זעצט פאָר די בעסטע טראַדיציעס פון דער אידישער פרעסע אין אַמעריקע. די פּראָגראַם פון דער „מאָרגן פרייהייט", וואָס איך האָב דאָ פאַר אייך אָנגעמערקט, זאָגט אונז, אַז די צייטונג איז געטריי געבליבן אירע פּרינציפּן, אויף וועלכע זי איז געגרינדעט געוואָרן דעם 2טן אַפּריל, 1922, גייענדיג אין די פוס־טריט פון דער צייט, אַרויסרוקנדיג דאָס וויכטיגסטע אין דעם געגעבענעם מאָמענט, אַלע מאָל אין די אינטערעסן פון פאָלק.

שאַפן נייע לייענער — די פאָדערונג פון מאָמענט!

די פאָדערונגען פונם מאָמענט — דער קאַמף פאַר אַמעריקע, פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַר אַ געזונט אידיש לעבן, געגן נאַציזם־אַנטיסעמיטיזם, פאַר איינ־יגקייט, פאַר שלום — רוקן אַרויס די אַרבעט פאַר דער „מאָרגן פרייהייט" ווי אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע פון דער ערשטער מדרגה. אַז גרעסערע מאַסן ווי ביז איצט באַגרייפן עס, זעען מיר טיילווייז פון דער דערפאָלגרייכער געלט־אַקציע היינטיגן יאָר, דערפאָלגרייכער ווי ווען ס'עס איז! זאָל טאַקע די געלט־קאַמפּאַניע פאַרענדיגט ווערן אין אַפּריל! דאָס וועט זיין אַ גרויסער טריאומף פאַר דער גאַנצער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, פאַרן הייליגן קאַמף אין וועלכן מיר זיינען פאַרוויקלט!

אבער נאך וויכטיגער איז די ארבעט פון שאפן לייענער! און לאמיר דא קלאר זאגן: מיר האבן ווייניג לייענער! עס זיינען דא צופיל אידישע ארבעטער און פאלקס־מענטשן, וואס דארפן לייענען אונזער צייטונג און לייענען זי ניט!

מיר מוזן האבן מער לייענער! מיר קאנען האבן מער לייענער! דאס קומט אונז לויט אונזער ראל אינ'ם אידישן לעבן — שוין בלויז לויט אונזער ראל אין די איצטיגע טעג פון דער סוואסטיקא־מגפה! וואס'זשע פעלט? עס פעלט דער צאפל, וואלט איך געזאגט, טאג־טעגלעך, מצד אונזערע טויזנטער פריינט, אונזערעביישטייערער! דער צאפל כסדר אינזינען צו האבן, אז מ'דארף שאפן נייע לייענער פאר דער „מארגן פרייהייט", אומעטום, מיט וועמען מען רעדט!

לאמיר אנהויבן היינט, באלד, קומענדיג פון דאנען צו באקאנטע, קומענדיג אין שאפ אריין מארגן. לאמיר רעדן מיט אנדערע — ווייזן זיי אן ארטיקל אין דער צייטונג, רעדן מיט טאלעראנץ, מיט געדולד, אננעמענדיג קודם כל, אז מיר רעדן מיט הארעפאשניקעס, וואס כאטש זיי זיינען אפשר ניט מסכים מיט אונז, האבן זיי די זעלביגע אינטערעסן וואס מיר.

וואס פאר א צייטונג איז די „מארגן פרייהייט"?

ווייל — וואס פאר א צייטונג איז די „מארגן פרייהייט"?

צו אונזער צוזאמענפאר ערב דעם 30טן יובילײ האבן מיר געזאגט: „די „מארגן פרייהייט" איז א פראגרעסיווע אידישע ארבעטער און פאלקס־צייטונג, אן אויסגעהאלטענע אנטי־פאשיסטישע צייטונג, וואס דריקט אויס די אינטערעסן פון די ברייטע שיכטן פון די אידן אין אמעריקע". די דערפארונגען פון די לעצטע יארן און פון דער לעצטער צייט האבן עס ווידער באשטעטיגט.

מיט דריי יאר צוריק האבן מיר אונטערגעשטראכן דאס געזאגטע מיט אכט יאר צוריק און האבן צוגעגעבן: „די ,מארגן פרייהייט' איז א פראגרעסיווע, אומאפהענגיגע אידישע ארבעטער און פאלקס־צייטונג. די איינציגע וואס קאנטראלירן די צייטונג זייט איר, פארשטייער פון די ברייטע אידישע מאסן. מיר זיינען צו קיינעם ניט פארפליכטעט, חוץ צו אייך". אט דאס שטרייכן מיר איצט ווידער אונטער. מיר האבן ניט קיין שום אנדערע אינטערעסן, ווי די אינטערעסן, וועלכע איר פארטרעט — די אינטערעסן פון פאלק!

מיר האבן פאר דריי יארן געזאגט און זאגן ווידער: די „מארגן פרייהייט" איז אפן פאר יעדן ארבעטער ארויסצוזאגן זיין מיינונג — אזוי לאנג ווי די מיינונג העלפט קלאר מאכן די פראבלעמען, פאר וועלכע די ארבעטער, אלע ארבעטער, רעכטע און לינקע, געפינען זיך. מיר רופן די ארבעטער, אלע ארבעטער, ארויסצוזאגן זייערע מיינונגען אין דער „מארגן פרייהייט" וועגן שאפ און יוניאן, וועגן די ברענענדיגע פראבלעמען וואס שטייען פאר אמעריקע, פאר דער וועלט, פאר'ן אידישן פאלק.

די „מארגן פרייהייט" איז קליין אין פארמאט, אבער — מיר זיינען דאכט זיך בארעכטיגט צו זאגן — גרויס אין אינהאלט. דאס קומט ניט אן גרינג. דער פערסאנאל פון דער רעדאקציע איז ווייט ניט גרויס גענוג. עס שטייט פאר אונז שארף די פראבלעם, שוין פון לאנג, וועגן שטארקן דעם פערסאנאל. קלאר איז אבער, אז ניט געקוקט אויף די שווערע באדינגונגען פירן דורך די מיטארבעטער פון דער צייטונג געטריי זייער אויפגאבע. זיי פארדינען אונזער אלעמענס אנערקענונג! און דא האב איך בפירוש אויך אינזינען די מיטארבעטער וואס שיקן אריין, אדער ברענגען אריין, זייערע ארטיקלען און טאקע אויך די ארבעטער פון שאפ, וואס דרוקן זיך אין דער „מארגן פרייהייט".

אומפארגלייכלעכער מאטעריאל פון אויסלאנד!

די „מארגן פרייהייט" איז די לעצטע צייט, א דאנק דעם בעסערן קלימאט, בארייכערט געווארן מיט מאטעריאל, וואס מיר האבן פריער ניט געהאט, אדער געהאט זייער ווייניג — מאטעריאל פון אונזערע אייגענע מיטארבעטער וואס פארן אויף באזוכן קיין איראפע און ישראל. מיר האבן געהאט וויכטיגע ארטיקלען, באשרייבונגען פון ר. יוקלסאן, דוד מאטים און לעצטנס פון אברהם ביק. איך האב געהאט די פריווילעגיע צו מאכן א לענגערן באזוך אין סאוועטן־פארבאנד, פוילן, רומעניע, ישראל. דער דיכטער מ. א. סול

איז איצט אין אייראפע און שיקט צו ארטיקלען, לידער.

די באזוכן האבן געהאלפן איינשטעלן בעסערן קאנטאקט און מיר האבן איצט ממש א שלל וויכטיגע מאטעריאלן פון אונזערע מיטארבעטער אין אויסלאנד. בשעת מיין באזוך אין סאוועטן־פארבאנד איז געלונגען איינצושטעלן א שטענדיגן קארעספאנדענט דארטן פאר דער „מארגן פרייהייט", ס. ראבינאוויטש, וועלכער מאכט רייזעס אין אוקראינע, ווייסרוסלאנד, פאר דער „מארגן פרייהייט". בעסערע קאנטאקטן זיינען איינגעשטעלט געווארן מיט פוילן, רומעניע, מיט ישראל.

די מאטעריאלן גיבן אונז נאך מער מעגלעכקייטן ביים שאפן נייע לירענער. עס האנדלט זיך איצט, לויט מיין מיינונג, וועגן א לייענער־קאמפאניע וואס זאל העלפן ארויסרוקן די „מארגן פרייהייט" אין די ערשטע רייען פון דער אידישער פרעסע אין אמעריקע אויך אין פרט פון טיראזש! גרויסע מאמענט; פאדערן גרויסע צילן — און איצט לעבן מיר אין א גרויסן מאמענט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט!

ס'איז א מאמענט פונם אויפשטייג פון א נייער וועלט. די „מארגן פרייהייט" איז א פאלקס־צייטונג, אבער ווי האט אונזער אלגין געזאגט אין זיין „דרך ארץ פארן פאלק": „ווער עס וויל ארבעטן מיטן פאלק אויף זיין וועג צום ליכטיגן לעבן, דער דארף דרך ארץ האבן פארן גייסט פון פאלק, וואס איז א גייסט פון סאציאלן יושר און באפרייאונג". און מען דארף זיין, האט ער געזאגט, „דורכגעציטערט מיטן וויטאג און מיט דער בענקעניש און מיטן גלויבן און מיט דער קראפט פונם פאלק". מיט די בענקענישן זיינען דורכגעדרונגען די ווערק פון אונזערע קלאסיקער. וועגן די בענקענישן, וועגן דער צייט וואס וועט קומען, האבן געזונגען ווינטשעווסקי און אנדערע דיכטער. און אט די בענקענישן פון דורות ווערן פארווירקלעכט אין אונזער צייט. עס גייט אויף אלץ העכער די זון פון סאציאליזם.

די האפענונגען פון דער גאנצער מענטשהייט זיינען אנגעבונדן אינם סאציאליסטישן סעקטאר פון דער וועלט, אנגעבונדן אן די אנשטרענגונגען פון סאוועטן־פארבאנד, צוזאמען מיט די פעלקער פון דער וועלט, צוזאמען מיטן אמעריקאנער פאלק, פאר שלום.

וואס באדייט עס? אט וואס. עס ווערט איצט געוויזן א פילם: „אן דהי ביטש". איר זעט אין דעם פילם גאסן מיט הייזער, אויטאמאבילן, גערטלעך — אלץ ווי געווייגלעך. נאר — אן מענטשן, אן חיות, אן פויגל. עס הערשט א וויסטע רואיגקייט, א בלייכע, פארגליווערטע פוסטקייט — טויט! אלץ איז פאר'סמ'ט פון אטאם־ראדיאציע. דער פילם שליסט זיך מיט א בילד פון א סקווער וואו עס איז פריער געווען א גאטעס־דינסט און וואו עס איז איצט קיין זכר פון א מענטשן ניטא. נאר א טראנספאראנט כוואליעט זיך אין דעם פאר'סמטן ווינט, מיט אן אויפשריפט: „בראדהער, דהעיר איז סטיל טאים", ברודער, ס'איז נאך אלץ דא צייט. אבער — ס'איז שוין נאך אלעמען. די וועלט איז שוין דערשטיקט געווארן.

אט דאס איז דאס געשריפטס אויפן לייוונט... אבער מיר זאגן איצט, צוזאמען מיט דער סאציאליסטישער וועלט, צוזאמען מיט די ברייטע מאסן דא אין לאנד: ס'איז נאך דא צייט — צום לעבן! און ניט נאר אויף ראטעווען די וועלט, נאר אויף עפענען נייע האריזאנטן, טראגן זיך העכער און העכער, ווייטער און ווייטער — צום ליכטיגן לעבן פון יושר און באפרייאונג, פאר אונזער לאנד אמעריקע און דער גאנצער וועלט, פאר אלע פעלקער און דעם אידישן פאלק.

אט דער דאזיגער הייליגער אויפגאבע ווידמעט זיך די „מארגן פרייהייט" מיט נייעם מוט און מיט פרישן גלויבן ערב דעם 38טן יובילײ פון איר עקזיסטענץ.

לייענט יעדן טאָג די

„מאָרגן פרייהייט"

- נייעס פון אַלע עקן וועלט.
- אַרטיקלען וועגן די וויכטיגסטע פראַגן פון דער צייט.
- דאָס לעבן אין שעפּער און יוניאָנס.
- בריוו פון אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ישראל, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער.
- ראָמאַנען, דערציילונגען, באַשרייבונגען, פיטשורס.

•••

רייכע סוף - וואָך נומערן

- טרעיד־יוניאָן זייט.
- ענגלישע זייטן.
- ליטעראַטור זייטן.
- פאַמיליע־זייט.

און פיל אַנדערע אינטערעסאַנטע פיטשורס.

•••

די „מאָרגן פרייהייט" קעמפט פאַר שלום, פאַר א געזונט אידיש לעבן, פאַר דער אידישער קולטור, פאַר א געזיכערטער מדינת ישראל.

די „מאָרגן פרייהייט" קעמפט געגן אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם, רעאַקציע.

די „מאָרגן פרייהייט" איז די צייטונג פון און פאַר די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן. לייענט די „מאָרגן פרייהייט" און זעט, אַז אַנדערע זאָלן זי לייענען.

10 סענט טעגלעך — 15 סענט סוף־וואָך

☐

MORNING FREIHEIT

35 EAST 12TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

Telephone ALgonquin 4-9480